START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz
Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1896.1

Frankental, M.
Nakht-shotens :
dramatishe poeme in
draye akten.
Varshe, 1929.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1896.1

Frankental, M., 1893-1943.
Nakht-shotens : dramatishe poeme in draye akten.
Varshe : Farlag Teater-velt, 1929.
123 p. : port. ; 22 cm.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Poland-Warsaw

ID : NXYH01-B21042 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /12675

Reduction ratio X 10.0

2/12675

מ. פראנקענטאל

נאכט-שאטענס

Printed in Poland

מ. פראנקענטאל

נאכט־שאטענס

דראַמאַטישע פּאָעמע
אין דריי אַקטען.

וואַרשע 1929 לאָדזש

פאַרלאַג\די טעאַטער־וועלט

פאַרשוינגען:

אַנאַרקאַ
שרה'טשע — נקבות

דער אינוואַליד

שלמה סקיווקע
אַלעק טיצער — גנבים.
דער שכור און

ס'ווייב

די אַלטע

הויקערטע

דינסט

עמיצער

נקבות, געסט, בלאַטע און עולם

אַלע רעכט פאַרבלייבען באַ'ם שרייבער.

פאַר די בינען און פאַראיינען איז'ס אַ געדרוקטער מאַנוסקריפּט.
אויפפירען אַדער איבערזעצען אָהן אַ דערלויבעניש — איז פאַרווערט.

M. FRANKENTAL

NOCNE ĆMY

Poemat dramatyczny
w 3 aktach.

Wydawnictwo ══
══ Di Teater-Welt
Łódź, Południowa 32|4.

M. J. Djament Łódź, Kilinsk. 50

ערשטער אקט

אין א ווינטער-נאכט.

די גאס איז פארשיט מיט שניי, א ווינט בלאזט און וואיעט מיט משונה-ווילדע קולות, הייבט-אויף בריליעס שניי און צוטראגט זיי אין דער לופט. ע־גיין־ווייס הערט מען געזאנג פון א פריילעכע־ חברותא. פון ציט-צו-צייט לויפען שנעל פארבא שליטענס, און מיט גלעקלעך-קלינגעריי פארשווינדען זיי אין דער הייסקייט אריין.

אין עק-גאס, נעבען לאמטער וואס ווארפט א גרינעם-שיין — שטייט אנא־קא אנגעשפא־ט און איר, פארציהט א פאפיראס און ווארפט פארפירעשע אייגעלעך צו די פארבאגייער. שרה'טשע זיצט אויפ'ן קלעצעל בא'ם טויער. מענטשען שפאצירען רוהיג הין-און-צוריק איבער דער גאס. קורצע פויזע.

ערשטע סצענע.

אנארקא — שרה'טשע.

אנארקא:

ברומט עפעס א לידעל אונטער די נאז, שטיל און הארציג.

שרה'טשע:

נאך א ווייל. ס'גייס אונז היינטיגען אוועגט פילעהעריש.
מ'זעהט נישט א גאסס. אויף א רפואה!

אנארקא:

אין שרעק. אונזערע פנימער זענען אויסגעמאטערטע, די אויגען פארלאשענע: דער טויט קוקט ארויס פון זיי... דער עולם שרעקט און אנטלויפט פון אונז.

שרה'טשע:

זיי זוכען עפעס שענערס. כא—כא! לאכט צניש.

פויזע.

פון אונטער די קוליסען דערהערט מען א שכורלעך-הייזעריג קול. דער שכור קומט אן, אים באלייט זיין ווייב.

צווייטע סצענע.

די פריהעריגע —דער שכור מיט'ן ווייב.

דער שכור:

רעדט צו איר. וואס לויפסטו מיר נאך ווי א שאטען? הא?..

מאכט א באוועגונג.

דאָס ווייב:

מיט געבעט. קום אַהיים. האָסט דיך אָנגעטרונקען, וועסטו לייגען דיך אויסרוהען און אויפהערען פראַווען דיינע בייזע ששיק — אַרויסשטעלען אויף לייטיש געלעכטער ... קום!
שלעפּט אים.

דער שכור:

בייז. טשעפּע דיך אָב. אז נישט... שטעלט אָן א פויסט איר צום פּנים.

דאָס ווייב:

קענסט מיט מיר טוען וואָס דו ווילסט. העכער. כ'וועל דיך נישט איבערלאָזען אליין. צווישען אַזעלכע כאַנעס: זיי קענען דיך נאָך אָנרעדען, צו אַל'דאָס בייז —

דער שכור:

קוקט אין אלע זייטען, דערזעהט די נקבות וואָס ווינקען צו אים שעלמיש, רופט אויס. אַ—אַ—אַ! באַקוקט זיי. דאָס איז סחורה. דאָס געפעלט מיר. צייגט. אָבער, נישט אַזאַ אַלטע שאַכטע, ווי דו! ווייזט אָן אויף'ן ווייב. לאַכט שפּאָטיש.

דאָס ווייב:

ביטער. מיר ליידען הונגער און קעלט אינדערהיים. און דו שכור'סט גאַנצע טעג... אַרבעט האָסטו נישט... כ'האָב שוין פאַרמשכנ'ט ס'לעצטע ביסעל אָרעמקייט... געבראָכען. וואָס וועלען מיר ווייטער טוען? אפשר. זאָל איך מיט די קינדער אַרויס אין דער גאַס אַריין און בעטען נדבות... מיט די לעצטע כוחות. שחט אונז אויס, בעסער — און לאָ'מיר פּטור ווערען פון דעם קהאַל... דו שכור איינער! דערשלאָגען. קום אהיים. האָסט אַ ווייב... קינדער... נאָרג ווענען זיי...

דער שכור:

אויפגערעגט. ווער שוין פאַרשטומט, דו אלטע באַזאַרניצע. צו זיי. וואָס שטייט איר, ווי די ליימענע גולמ'ס? קומט — אין אַ סוף זאָל דאָס געמען. שלעפּט זיי מיט זיך.

אַנאָרקאַ:

פעטער, אזש צוויי דאַרפט איר האָבען?

דער שכור:

אין פאַרלעגענהייט. ניין, איינע קען גענוג זיין.

אַנאָרקאַ:

וועמען ווילט איר נעמען?

דער שכור:

שטאַמעלט. דאָס וועלען... מיר... זעהן...

דאָס ווייב:

נלייכצייטיג. זיי וועלען דיר נאָך אויסטוען ס'העמד פונ'ם לייב און צונעמען די הויזען... דו אַלטער בעל עבירה'ניק! וויינט. דאָס מוז איך אליין צוזעהען, אויף מיינע אַלטע יאָר. וויי, וואָס כ'האָב אַלץ דערלעבט. צושלוכצט זיך אין א יאָמערליך=געוויין, גייט אָב.

דריטע סצענע.

אַנאָרקאַ, שרה'טשע — דער שכור.

דער שכור:

קוקט איר שטיל נאָך, בלייבט שטייען פאַרטראַכט, ווערט פאַרזינקען אין געדאַנקען, קורצע פּויזע.

אַנאָרקאַ:

ווינקט שעלמיש צו שרה'טשען, וואָס שטייט און לאַכט קוקענדיג אויפ'ן שכור'ס ערנסטער פּאָזע. אפשר, וואָלסטו גאָר דיך פאַרליאַפּעט אין אים? קוק

אָן דעם פּאַרשוין, אַ באַשמעקטער מענטש. אַ מחיה צוקוקען אויף אים.

שרה׳טשע:

האַלט דיר אים —

אַנאַרקאַ:

מיך נעמט ער נישט. סיידען, טשיזי זאָל טאָקען גראָב באַש.

דער שכּור:

מיט תאוה. כ׳האָב ליב אַ נקבה וואָס איז אַ ברען. פייער־ — נישט צורונען טייג. פּינטעל׳ט מיט ד׳אויגען. אויב שוין זינדיגען, זאָל עס האָבען אַ טעם. ווינקט צו ביידע וואַיי׳עריש, לאַכט ציניש.

שרה׳טשע:

לאַכענדיג. פּעטער, איר מוזט אָבער האָבען יענע זאַכען, כּדי צופאַרבלייבען מיט אונז.

דער שכּור:

שטייט קוים אויף די פיס. ווער פרעגט דיך? קענסט מיר אפילו צוצאָלען, וועל׳ך אויף אַזאַ שטיק נבלה ווי דו, אויך נישט ווע׳לען קוקען.

שרה׳טשע:

שעלמיש. אַזוי? כ׳געפעל אייך נישט..? וועל׳ך ווייניגער האָבען אַ שלעפער, די היינטיגע נאַכט בא מיר. לאַכט ציניש.

דער שכּור:

איינפּגערענכט. קוק נאָר אָן, די אַלטע ה... זי פוצט מיך? העכער. טאַנזשיר דיך אַ וועק... פליה! ווייזט מיט דער האַנט אויף די זייטען־גאַס.

שרה׳טשע:

רוהיג. אַ רוח אין דיין מאַמעס מוטער די באָס. דו אַלטער ה—זיהן, האַלט דיך איין. וואָרום... כאַפּסט אראָב אַ פּאָר טשערמעק

איבער׳ן שיידעל, פאַרגעסטו באַלד ווי דו הייסט. נעמט אָן אַ פּאָזע. לאַבראָוואַנץ, קום אַהער! פודעל! לויפט צו אים מיט אימפּעט.

אַנאַרקאַ:

פארשטעלט איר דעם וועג. מיט וועמען הייבסטו אָן? מיט אַ שטומפּ — ער וועט דיך נישט שוינען. דו וועסט קריגען דיין אָפּשניט, וועסטו נאָכדעם ליגען איינגעלייגט, ווי אַן׳ענגלישע מאַלפּע... שטילער. ווילסט מיר זאָלען גייען שב׳ען? כילי שוין!

שרה׳טשע:

פאַרביסען. ווי פאַרשטאָכענע אויגען דאָס האָט. זי גיט אים גאָר געדעכט. קוקט בייז אויף איר.

אַנאַרקאַ:

קאָ—זאַק, פאַרגעסט שוין דיינע אמאָליגע בייזע שטיק? שטופּט זי ארויס אין דער שכנות׳דיגער גאַס אריין, שרה׳טשע וויל נישט ארויסגייען, בלייבט נאָך אַ ווײַלע שטייען און קוקט מיט שפּיזיגע אויגען אויפ׳ן שכּור, צולעצט גייט זי שטיל אַב.

פערטע סצענע.

אַנאַרקאַ — דער שכּור.

אַנאַרקאַ:

נישט־געדולדיג. פּעטער, וואָס וועט זיין?

דער שכּור:

פאַרשלאָפען. האַ..?

אַנאַרקאַ:

גייען מיר —

דער שכּור:

וואו־אַהין?

אַנאַרקאַ:

נעמט צו צו אים גאַנץ נאָהענט, ליינט ארויף אויף אים איר שולטער, קוקט

אים שעלמיש אין ד׳אויגען אריין. קומט, מיט מיר... כ׳האָב דאָ אַליין... וועלען מיר גוט פאַרברענגען צווישען זיך...

דער שכור:

זיי אויפגעכאפּט פון שלאָף. גוט.

אַנאָרקאַ:

ווי פריהער. און קלימפּערס —

דער שכור:

כ׳האָב.

אַנאָרקאַ:

באַפוילעריש. צייל איבער.

דער שכור:

שווייגט.

אַנאָרקאַ:

פּעטער, כ׳מוז קריגען פאָראויס.

דער שכור:

קלאַפּט אויף די טאַש. אָט, דאָ ליגען זיי.

אַנאָרקאַ:

קום אַהער. שטעקט אריין די האַנט אין זיין טאַש, זוכט דאָרט אַ קורצע ווײַלע, דער שכור מאַכט דערבײַ פאַרשידענע נאַרישע גרימאַסען.

דער שכור:

הער מיך אויף צו קיצלען. כ׳האָב פיינט, אַז אַ פרוי באַרירט מיך —

אַנאָרקאַ:

שלעפּט ארויס אַ קופּע מטבעות, פאַרשטעקט זיי אין בוזים, דער שכור זאָל עס נישט זעהען, מאַכט אַנציהען אַנשטעל. כ׳האָב שוין געזעהען וויפיל

די פאַרמאָגסט. אָבער, שפּעטער וועלען מיר נישט דאַרפען צו קריגען זיך!

דער שכור:

כ׳וועל דיר נישט טוען אַן עולה.

אַנאָרקאַ:

גוט. האָט שוין געוואָלט גייען, בלייבט שטייען אויפ׳ן אָרט. גיב מיר אויף אַ פּאָטשאָנטעק...

דער שכור:

כאַפּט ארויס אַ קופּע מיט מטבעות. אָט, האָסטו דיר, און ווייס, אַז כ׳בין נישט אַ ליאַדע שלעפּער פון דער גאַס אַראָב.

אַנאָרקאַ:

קאַציש. מ׳דערקענט. דו ביזט, אַ באַטרונקענער פריץ... קום! אַנאָרקאַ מיט׳ן שכור אָב.

פינעפטע סצענע.

שרה׳טשע — דער אינוואַליד.

דער אינוואַליד: קומט אָן, דעם שינעל אָנגעהאָנגען אויף זיך, די רעכטע האַנט איז פאַרבאַנדאַזשירט בײַ אים און דער אָרעם הענגט אַראָב אויף אַ ברעטעל, ער אַליין זעהט אויס קרענקליך-בלייך. וויל גייען ווייטער, שרה׳טשע פאַרשטעלט אים דעם וועג.

שרה׳טשע:

פון דערווייטען. העי, יונגערמאַן.

דער אינוואַליד:

האָט אומגעדרייט זיך. מיך מיינט מען —

שרה׳טשע:

שיסט אויס מיט אַ געלעכטער. כאַ—כאַ—כאַ!

דער אינוואַליד:

פאַרחינדערט. ווער לאַכט דאָס, אַזוי?

שרה'טשע:

איר אנטלויפט פון מיר?

דער אינוואַליד:

קוקט זי אָן אַ לענגערע צייט, בלייבט שטייען ווי פאַרשטיינערט.

שרה'טשע:

קאָקעטיש. כ'געפעל אייך, וואָס איר קוקט אַזוי שטאַרק אויף מיר?

דער אינוואַליד:

מיט אַ חיי־געשריי. שרה'טשע...

שרה'טשע:

לאַכענדיג. אַזוי הייס איך.

דער אינוואַליד:

צו זיך. דאָס איז זי. פלוצלונג. ס'קען נישט זיין... איז'ס מעגליך... אפשר? צוליב נויט! ? האַסטיג. לאָמיך אַנטלויפען! צו איר. פון וואַנען קומסט דו דאָ אַהער.

שרה'טשע:

ציניש. ווילסט עס וויסען. קום, וועל'ך עס דיר זאָגען.

גייט צו צו אים נאָהענט, שפרינגט אָב מיט שרעק. אָ, זשאַק — —

דער אינוואַליד:

גלייכצייטיג. שרה—טשע — — מיין — — — ענדיגט נישט.

פ ו י ז ע.

דער אינוואַליד:

הייבט אָן צו רעדען, נאָר טרערען שטיקען אים. זאָג מיר, פון וואַנען קומסט דו דאָ אַהער... וואָס איז די סבה... ווער איז דער שולדיגער...

שרה'טשע:

חייזט מיט דער האַנט. דו —

דער אינוואַליד:

דערשראָקען. איך... גאָט איז מיט דיר! וואָס רעדסטו?

קען אָנ'אָרט נישט געפונען.

שרה'טשע:

טאָגירט שטאַרק. דו אַליין —

דער אינוואַליד:

נאָך אַ ווײַלע. איך בין דאָך אַוועק אין דער מלחמה און דו ביזט געבליבען אין דער היים: באַ דיינע רייכע עלטערען..?

שרה'טשע:

שלאָגט אים איבער. אונזער שטעטעל איז אַוועק מיט'ן רויך, בשעת די גרויסע שלאַכטען אויף אונזער טעריטאָריע. צוגעבענדיג. שפעטער, איז פאָרגעקומען אַ פאָגראָם: מיין טאַטע און מאמע זענען אומגעקומען, אונזער שטוב איז צוראַבירט געוואָרען, און איך בין געבליבען אַ קיילעכדיגע יתומה... מיט געבעט. אָבער, וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס וועקסטו אויף אין מיר וואונדען, וואָס טריפען מיט בלוט פון האַרצען? שרייט אויס. לאָמיך צורוה! גיי אַוועק פון דאַנען, אַז נישט וועט עפעס מיט מיר געשעהען!

דער אינוואַליד:

מיט געבעט. באַרויהיג דיך. האָסט דאָך געקענט צו מיר ווענדען נאָך הילעף. האָסט דאָך געוויסט, אַז איך בין שטענדיג גוט געווען צו דיר. פאַרוואָס האָסטו געשוויגען..? ביטער. איך בין דאָך געווען דיין חתן — האָסטו אין מיר גאָר פאַרגעסען... איך האָב געדאַרפט וויסען, דערפון? העכער. ווי קען אַ מענטש, אַזוי נידעריג פאַלען... זינקען אין שמוץ...

שרה'טשע:

צולאכט זיך היס־טריש. כאַ — כאַ — כאַ! אַזוי וואָלסטו מיר טאַקע געהאָלפען? אַ שאָד נאָר. וואָס כ'האָב אין דיר פאַרגעסען? *אויפגעריגט.* וויפיל מאָל האָב איך מיך געווענדט צו דיר, דו זאָלסט דיך אויף מיר מרחם זיין, כאָטש אומקוקען אויף מיר — חדשים־לאַנג האָב איך געוואַרט, אויף דיין תשובה. אָבער... *העכער.* אין זוניגע טעג בין איך ווי אַ שאָטען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען — זוכענדיג דיך; אין די נעכט האָב איך פאַרלוירען די רוה, כ'האָב היציג געפיבערט אויף מיין געלעגער — זעהענדיג דיין בילד פאַר מיר. *געבראָכען* כ'האָב געליטען הונגער... כ'האָב געפרובט מיך דערשלאָגען צו עפעס אַ פרנסה, צו פאַרדינען אויפ'ן טרוקענעם שטיקעל ברויט... אָבער — אַלע טירען האָבען צוגעמאַכט זיך פאַר מיר... אַלץ האָט מיך אָבגענאַרט... מיינע האָפענונגען זענען געווען טאַלשע... כ'בין קראַנק געוואָרען פון עגמת נפש...

דער אינוואַליד:

פארמעלט. אָי, ווי שווער האָב איך געזינדיגט.

שרה'טשע:

היסטעריש. דאָס לעבען איז אָבער נישט אַזוי שרעקליך. — *נאָך אַ ווײַלע.* כ'האָב באַקענט אַ מענטש, וועלכער האָט מיר צוגעזאָגט אַרויסצוהעלפען פון מיין שווערער לאַגע. *צוגעבענדיג.* די ערשטע צייט איז ער זייער גוט געווען צו מיר, געזאָרגט, געטוען אַ סך פאַר מיינעטוועגען — כ'האָב געמיינט, אַז דער מענטש לעבט נאָר פאַר מיר. *נאָך אַ ווײַלע.* איינמאָל זייענדיג מיט אים, מיר האָבען אַ ביסעל פריילעך פאַרבראַכט צווישען זיך און געטרונקען: אין יענער נאַכט... כ'ווייס נישט, וואָס ס'איז

דאַמאָלס געווען מיט מיר: צי ער האָט מיך פאַרכישופט אָדער, כ'בין געווען שכור..?! *נאַיוו.* כ'בין צו דעם מענטש געווען שטאַרק צוגעבונדען, כ'האָב אים פאַרגעטערט. אמת'דיג ליב געהאַט. — ס'ערשטע מאָל האָב איך באַגעגענט אַ מענטש, וואָס איז שטענדיג גרייט צו העלפען דעם צווייטען אין זיין נויט: מיט אַ וואַרים האַרץ און ציטעריג געפיהל איז ער כסדר געשטאַנען פאַר מיר.

דער אינוואַליד:

פארביסען דאָס זאָגסטו מיר —

שרה'טשע:

ציניש כ'האָב גערעכענט, אַז דו לעבסט שוין נישט מעהר. *מיט אַ ווײ־געשריי.* כ'בין געפאַלען אַ קרבן. כ'האָב אים צופיל געגלייבט אין זיינע זיסע רייד: ער וועט מיך גליקליך מאַכען, מיט מיר חתונה האָבען... *האַקט איבער.* שפעטער איז ער אַנטלאָפען פון מיר. מיך געמיטען; כ'האָב אים אויפגעזוכט און ערענסט גערעדט מיט אים, ער האָט אָבער מיך אויסגעלאַכט.

דער אינוואַליד:

שרייט אויס. דאָס איז געמיין. אַנ'אויסוואָרף.

שרה'טשע:

איר זענט אַלע דיזעלבע.

דער אינוואַליד:

אָבער, נישט אַלע האָבען אַזאַ באַציהונג צו דער פרוי—

שרה'טשע:

איר דאַרפט האָבען דאָס ווייב צו שטילען אייערע ליידענשאַפטען. *העכער.* דאַריבער האָב איך באַשלאָסען, איינמאָל פאַר

אַלץ, נישטמעהר צו לעבען אין אַ וועלט פון אַליין-געגנאַרעריי: כ'וויל זיין אַליין... נישט געהערען צו קיינעם... צונעבענדיג. די גויט האָט מיך געטריבען... די מענטשען האָבען מיך אָבגענאַרט... קיין ברירה האָב איך נישט געהאַט... מיט נעוויין. כ'האָב געמוזט טוען עס: כ'בין אַרויס אין גאַס, מיך פאַרקויפען... טראַגיש קויפט אַ יונגען גוף, וואַרים האַרץ, ליבע פאַר געלט... קויפט מענטשען, איר זענט דאָך גוטע, איידעלע — איר האָט דאָך יעדען ליב צו העלפען אין דער נויט... כאַ—כאַ—כאַ ! לאַכט ציניש.

פ ו י ז ע.

שרה'טשע:

פלוצלינג, נאַרישקייטען. — נאָך אַ ווייל. אפשר ווילסטו זיין היינטיגען אָווענט, מיין גאַסט?

דער אינוואַליד:

דערשראָקען. ווי אַזוי רעדסטו צו מיר —

שרה'טשע:

קומט אַריין אין דער ראָל. כ'געפעל דיר נישט..? כאַ—כאַ—כא ! קום, כ'וואָין אַליין... מ'וועט אונז נישט שטערען... מיר וועלען גוט פאַרברענגען...

דער אינוואַליד:

דערשלאָגען. וואָס הערען מיינע אויערען? וואָס געשעהט דאָ מיט מיר? צי זעה איך דאָס אַלץ אין חלום אָדער, אויפ'ן וואָהר? פעסט. הער, אויב דו ביזט אין אַ נויט — מוזט פאַר-דינען אויפ'ן טרוקענעם שטיקעל ברויט. קענסטו דאָך דיר אויס-קלויבען אַ מלאכה, דו זאָלסט בכבוד לעבען און קענען קומען צווישען לייטישע מענטשען.

שרה'טשע:

רייסט אים איבער. זיי קומען צו מיר. כאַ—כאַ—כאַ!

פ ו י ז ע.

דער אינוואַליד:

נאָך אַ ווייל. ווילסט גייען מיט מיר —

שרה'טשע:

וואו-אַהין?

דער אינוואַליד:

ווי פריהער. כ'וועל דיר אויסזוכען אַ היים. דו וועסט קענען רוהיג לעבען, מיט דער צייט איינאָרדענען זיך און שפעטער...

שרה'טשע:

ביטרע. וואָס וועט זיין?

דער אינוואַליד:

אויב כ'וועל זעהען דו פיהרסט דיך לייטיש אויף, האָסט פאַרגעסען דיין אמאָליג לעבען, אַז דו ביזט שוין גאָר אַנ'אַנדערע: וועל'ך וויסען וואָס כ'האָב ווייטער צוטוען.

שרה'טשע:

סאַרקאַסטיש. וועסט מיט מיר חתונה האָבען —

דער אינוואַליד:

אפשר.

שרה'טשע:

וועסט עס קענען פועל'ען בּאַ דיר. נאָך אַ ווייל. וועסט דיך שעהמען מיט מיר צו-ווייזען אין אַ לייטישע געזעלשאַפט, מ'וועט דיך אויסשפּעטען.

דער אינוואַליד:

שווייגט.

שרה'טשע:

כ'באַשטיי. נאָך אַ ווײַלע. כ'נעם מיינע זאַכען און גיי שוין מיט דיר. שפּעטער געב איך אָב די כּתיבה און ווער אַ כּשרה יודישע טאָכטער...

דער אינוואַליד:

האַלט זי אָב. ס'מוז אָבער נאָך געדויערען —

שרה'טשע:

פאַרוואָס?

דער אינוואַליד:

ווייל...

שרה'טשע:

שעלמיש. האָסט חרטה געקריגען. כאַ—כאַ—כאַ!

דער אינוואַליד:

כ'מוז צוערשט מיך אַרומזעהען —

שרה'טשע:

גאַליג. דו דאַרפסט דיך נישט מרחם זיין איבער מיר. וואָס בין איך פאַר עמיצען..? אויפגעלעבט קום אַריין צו מיר, וועלען מיר האָבען אַ פריילעכע נאַכט. שלעפּט אים מיט זיך, ער וויל אַרויסרייסען זיך פון אירע הענט.

דער אינוואַליד:

מיט געבעט. לאָז מיך אָב. וואָס ווילסטו פון מיר? ס'קען נאָך עמיצער דערזעהען: וואוהין דו שלעפּסט מיך, אין שאול תחתיה אַריין.

שרה'טשע:

וואַרפט אים אַנידער אויף דר'ערד. יאָלדישע נשמה, האָסט מורא אַז דו וועסט דיר דעם יחוס איינריכטען... כאַ—כאַ—כאַ!

דער אינוואַליד:

שטייט שטיל אויף, גייט שנעל אָב.

זעקסטע סצענע.

שרה'טשע — שלמה.

שלמה.

קומט אַן מיט שטילע טריט, קוקט מיט חשד-בליקען אַרום זיך, לייגט אַריין עטליכע פינגער אין מויל אַריין און גיט אַ הויכען פייף, שרה'טשע דערהערט עס שפּרינגט זי אויף דערשראָקען, מאַכט צורעכט זיך די האָר, לויפט שנעל צו אים, שמייכעלט פאַרלעגען.

שרה'טשע:

מיט פרייד. שלמה, וואָס מאַכסטו?

שלמה:

שווייגט.

שרה'טשע:

ביזט שוין לויז געגאַנגען?

שלמה:

קאַלט: זעהסט דאָך.

שרה'טשע:

ווי פריהער. ווער האָט דיך אויסגע'שחור'ט.

שלמה:

נישטגעדולדיג. האָסט מיך גענומען אויפ'ן פאַרהער?

שרה׳טשע:

פארלעגען. ניין.

שלמה:

ניפטיג. זיי האָבען מיך געפּאַקט און שפּעטער צוריק איינגעקוועטשט — בין איך אַ צווייט מאָל געגאַנגען פּליטה.

ביידע: לאַכען הויך אויפ׳ן קול.

פּ ו י ז ע.

שרה׳טשע:

האָסט צו פּינקלען?

שלמה:

עלעגאַנט, מיט׳ן שענסטען בזיון. גיט איר אַ פּאַפּיראָס, ביידע פאַרייכערען.

שלמה:

נאָך אַ ווײַלע. וואו איז אַנאַרקאַ?

שרה׳טשע:

האָסט זי נאָך אַלץ נישט פאַרגעסען —

שלמה:

כ׳דאַרף זי זעהען.

שרה׳טשע:

פלעגמאַטיש. זי האָט אַ גאַסט באַ זיך...

שלמה:

פלוצלינג. אָלעק, איז עפּעס אַ הערגעקומען צו איר?

שרה׳טשע:

גלייכגילטיג. יעדען אויפדערנאַכט זיצט ער אָב באַ איר עטליכע שעה — אָפּטמאָל פלעגט זי נישט אַרויסגייען אויפ׳ן פאַרדינסט, נאָר פאַרברענגען מיט אים... מ׳פלעגט מאַכען בעלער

צו גאַנצע נעכט. נקבות האָבען נישט אַהיימגענומען קיין געסט, כדי מ׳זאָל זיי נישט שטערען.

שלמה:

און קעש —

שרה׳טשע:

זי גיט אים.

שלמה:

רוהיג. די שמחה וועט זיי פאַרשטערט ווערען. כ׳וועל דעם יאַט אַראָפּרוימען פון וועג.

ש ו ו ײ ג ע ן.

שרה׳טשע.

מאַכט-זיך צורעכט די טואַלעטע. שלמה.

שלמה:

וואָס?

שרה׳טשע:

ווייסט, כאָטש זי האָט שטענדיג ליב צו פּראַלען... זי רעדט אַלע איין: זי האָט רייכע געסט, וואָס צאָלען איר מי יודע וויפיל... ענדערט דעם טאָן. לאָך איך מיך אויס פון אירע אַלע גליקען: כ׳האָב לעצטענס אָנגעקליבען אַ היפּשע אַפּטיקאָ.

שלמה:

אַזוי גאָר. צונעבענדיג, כ׳האָב מיך שטענדיג געוווּנדערט, ווער וויל אויף אַזא לעדער-פערד ווי זי, אַפילו גאָר אומקוקען זיך... באַקוקט זי. דו ביזט דאָך אַ מויד אויפ׳ן פלאַץ, דו קענסט מאַקע געפעלען —

שרה׳טשע:

מיינסט עס ערענסט.

שלמה:

ווייסט דאָך, אַז איך האָב שוין לאַנג אויף דיר געוואָרפען אַנ'אויג. כ'האָב דיך נישט פיינט...

שרה'טשע:

באמת —

שלמה:

די פריי זאָל מיר אַזוי דינען.

פויזע.

שרה'טשע:

פלויצלינג. שלמה, קוק דיך אום אויף מיר. כ'בין דאָך אַ קיילעכדיגע יתומה...

שלמה:

וואָס וועט זיין —

שרה'טשע:

ווי פריהער. כ'בין אַ נקבה, וואָס פאַרשטייט אַזאַ יונג ווי דו צו שוינען; דו קענסט בּאַ מיר מאַכען אַ לעבען; זאָל איך די נכפה קריגען, אויב כ'וועל דיר נישט געטריי זיין— דיך אָבּהיטען ווי ס'שוואַרצע אַפּעל פונ'ם אויג...

שלמה:

אָבּער...

שרה'טשע:

שנעל. וואָס —

שלמה:

עי, גאָרנישט... כ'האָב גאָרנישט דערמיט געמיינט.

שווייגען.

שלמה:

ערנסט. כ'בין אַ מענטש אַ געשטעמפּעלטער, אַ מאַרוויכער, מ'שפּירט מיר נאָך פון אַלע זייטען: פּאָליציי זוכט מיך... כ'האָב נישט אַזויפיל האָר אויפ'ן קאָפּ, וויפיל וויראָקען כ'האָב אָבּצוזיצען...

שרה'טשע:

שווייגט.

שלמה:

רעדט ווייטער. בין איך אויף דער פריי — באַגיי איך פרישע גנבות... און אַזוי כסדר... כ'זינק, וואָס אַמאָל אַלץ טיפער... ווי אַזוי קען איך אַרויס, פון דעם זומפּ..!?

שרה'טשע:

איך וועל דיר העלפען.

שלמה:

מיט בלאָנדזשענדיגע אויגען. ווי אַזוי?

שרה'טשע:

מיט אמאָל. ווּעסט מיט מיר חתונה האָבּען —

שלמה:

יאָ.

שרה'טשע:

זאָגסט עס מיר צו?

שלמה:

פייערליך. אַזוי ווי מיר האָבּען יעצט נאַכט איבּער דער וועלט. צוגעבענדיג. מיין מאַמע זאָל אַזוי רוהיג ליגען אין קבר — ווי כ'זאָג עס דיר צו.

שרה'טשע:

שעפטשעט. דו האָסט מיר געגעבען אַ וואָרט.

שלמה:

פעסט. יאָ.

ביידע: צוקושען זיך.

פויזע.

שלמה:

אויפגעלעבט. כ'וועל מיט דיר אַוועק, אין דער ווייטער וועלט אַריין. טרויעריג. דאָ אין דעם פאַרשאָלטענעם לאַנד וועל איך קיינמאָל נישט קענען ווערען אַנ'אַנדערער: „מיינע חברים רעדען מיך שטענדיג צו צו דער שמד און איך אַליין בין פול מיט זינד... רופט אויס. כ'וויל אָבווישען מיינע אַלטע חטאים. כ'וויל ווערען אַ פרייער מענטש — פריי וויל איך זיין... אָהן זינד...

שרה'טשע:

צופרידען. כ'האָב שטענדיג געזאָגט, אַז פון דיר וועט נאָך ארויסקומען אַ לייט —

שלמה:

אין עקסטאַז. וועסט זעהען. איך וועל זיין אַ מענטש מיט אַלע צוגלייך: כ'וועל קענען יעדען מענטש קוקען פריי אין ד'אויגען אַריין, נישט ווי דאָ... צונעבענדיג. דאָרט וועל איך ווערען אַ פראָסטער אַרבעטער: שטיינער האַקען אין די גאַסען, ציגעל טראָגען אויף די מויערען, ליים קנעטען — די שווערסטע מלאכה טוען, אַבי צו קענען פאַרדינען; כ'וועל אַרבעטען מיט טראָפענס-שוויס, פון אינדערפרי ביז שפעט אין

דער נאַכט — אַבי צו לעבען ערליך... פון דעם כשר'ען שווער-פאַרהאָרעוועטען גראָשען... ווי אַלע ערליכע מענטשען...

שרה'טשע:

מיט קנאה. ביזט גערעכט. שוין צייט צו ווערען לייטישע מענטשען אויף גאָט'ס ערד —

שלמה:

פארקוקט אויף איר, ענדיגט. כ'וועל קענען מיין ווייב שפיי-זען... האָבען אַ שטילע היים, ליבע קינדער... מיר אַלע וועלען לעבען צופרידען...

ביידע; לאַכען צופרידען.

שרה'טשע:

נאָך אַ ווייל. שלמה, וועסט דיר קויפען אַנ'אַנצוג און דאָס איבעריגע אַוועקלייגען. זעה, היט דיך אויף צו טרעפען מיט דיינע חברים — ווער אַ מענטש. ציילט אים געלט, שלמה פאַר-שטעקט עס אין בוזים-טאַש.

שלמה:

גערירט. גוט. כ'וועל מיט דיר באַלד שטעלען אַ חופּה.

שרה'טשע:

כ'פאַרלאָז מיך אינגאַנצען אויף דיר.

שלמה:

כ'זאָל נאָר האָבען מזל צו דיר. דריקט זי, פעסט צו זיך, אנאָרקא קומט ארויס, זי האָט דערהערט די לעצטע ווערטער, בלייבט שטייען פארשטיינערט.

זיבענטע סצענע.

די פריהעריגע — אנאָרקא.

אנאָרקא:

פון דערווייטען. שלמה.

שלמה:

דרייט־זיך אים. וואָס ווילסטו ?

אנאָרקאַ:

גייט צו אים. האָסט שוין אָבגעאַרבעט אַ פריש כח־געשעפט.

שלמה:

שווייגט.

אנאָרקאַ:

צולאַכט זיך. כאַ—כאַ—כאַ! האָסט איר שוין גאָר דעם קאָפּ פאַרדרייט— און צוגענומען אַביסעל געלט... *קלאַפּט שרה'טשען אויף די פּלייצעס.* נאַרישע נקבות, אַזוי ווי זיי זעהען אַ יונג מיט אַ פּאָר הויזען, קריגען זיי די נכפה פאַר אים. *באַליג.* קענסט אים נישט ? גלייבסט אים אויפ'ן וואָרט..? *צוגעבענדיג.* גלייב אים, גלייב אים — שפּעטער וועסטו דיר רייסען די האָר פונ'ם קאָפּ. וועסט וויינען אויף דיינע אַלטע פאָר יאָר.

שרה'טשע:

זאָל דיר דיין מח נישט דאַרען פאַר מיינעטוועגען.

אנאָרקאַ:

כאַ—כאַ—כא ! ווילסט אפשר מיט אים באַלד שטעלען אַ חופּה... *צו אים.* וויפיל נקבות האָסטו שוין אויסגענאַרט דעם לעצטען גראָשען, אויף די קאָנטאָ ? *צו שרה'טשע'ן* וועסט פריהער חתונה האָבען מיט'ן מלאך המות — איידער מיט אים. טאָמער האָט ער דיר צוגענומען דאָס לעצטע ביסעל רייניש, ווערט ער אַ האָז. ער קען דיך נישט מעהר — זען אים ווי דער ווינט בלאָזט.

שרה'טשע:

אויפגערעגט. וואָס שטעלסטו אַריין דיין שנאָבעל ? כ'האָב דיך געשיקט רופען ?

אנאָרקאַ:

מיט אַ ווינק. ר'איז נישט דיינער. *לייגט אַרויף אויף שלמה'ן די האַנט.* כ'האָב נאָך עפּעס איבער אים צו זאָגען.

שרה'טשע:

שעלמיש. אַזוי גאָר ?

אנאָרקאַ:

טייוולאָניש. ווילסט קומען צום גרייטען. *צוגעבענדיג.* ר'איז מיר נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען — כ'זאָל דיר אים אָבטרעטען...

שרה'טשע:

גיפטיג. ער וויל פון דיר מעהר נישט וויסען. אַזא שלאַנג וויל קיינער נישט קענען.

אנאָרקאַ:

וועלען מיר הערען פון אים. *צו אים.* ווען ווילסטו בעסער פון אונז ביידע ? מיך—צו די גרינע שטרינע ? ווען האָסטו ליב ?

שלמה:

קאַלט. אַזעלכע נקבות ליבט מען נישט.

אנאָרקאַ:

נאָר —

שלמה:

שלאָגט אייך ביידע דעם קאָפּ און וואַנט — לאָזט מיך צורוה.

אנאָרקאַ:

שאַרף. מיט ווען וועסטו חתונה האָבען ?

שרה'טשע:

שפּרינגט אונטער. מיט מיר.

שלמה:

שווייגט.

פויזע.

אנאָרקאַ:

חי א גיסטיגער שלאַנג. שלמה, מיין נישט, אז כ'וועל שווייגען. באַ מיר ליגסטו אין די לאַפּעס... אז כ'וועל וועלען, גייסטו פאַרשיט. דו וועסט צוריקגייען אַהין — פון וואַנען דו ביזט יעצט געקומען.

שלמה:

רוהיג. אפשר וועסטו מיך סליחה'נען?

אנאָרקאַ:

וועסט האָבען אַ סימן. נאָך א ווײַלע. ווער האָט דיך אויסגע- האַלטען די גאַנצע צייט — אַז נישט איך? אַז מ'האָט דיך געזוכט, האָב איך דיך אויסבאַהאַלטען. אז מ'האָט דיך איינגעשב'עט — בין איך פאַר דיר געקראָכען אין דר'ערד אַריין, אָנגעשלאָגען שוועלען, ביז כ'האָב גוט געמאַכט: ביזט אַרויס אויף דער פריי... צוגעבענדיג. מעגסט מיך יעצט טרעטען מיט די פוס? כ'האָב עס פאַרדינט? האַ?

שלמה:

ס'איז טאַקע אמת וואָס ד'זאָגסט. אָבער...

אנאָרקאַ:

מיט א ווײַ-געשריי. צוליב וואָס האָב איך דאָס אַלץ געטוען? שטכער. האָסט דאָך מיר געשוואָרען — מיך נעמען, חתונה האָבען מיט מיר... אמת, צי נישט..?

שלמה:

קאַלט. אַמאָל האָב איך געמיינט אזוי. אָבער, היינט —

אנאָרקאַ:

מיט א פאַרכאַפּטען אָטעם. אין וואָס?

שלמה:

ווייל איך דיך מעהר נישט קענען. וואַילעריש. קענסט מיר עפּעס טוען?

אנאָרקאַ:

שרייט. וועסט מיט דיין קאָפּ באַצאָלען —

שלמה:

לאַכענדיג. באַווייז עס.

פויזע.

אנאָרקאַ:

כאַפּט אים ארום. שלמה, דו ביזט מיינער. אָהן דיר קען איך נישט לעבען —

שלמה:

שטופּט זי אָב פון זיך. אוועק פון מיר. לאָ'מיך צורוה.

אנאָרקאַ:

ליגענדיג צו זיינע פוס, מיט געוויין. מיט-וואָס האָב איך גע- זינדיגט אַקעגען דיר? כ'בין דאָך שטענדיג גוט געווען צו דיר. כ'האָב דיך געהיטען ווי ס'שוואַרצע אַפּעל פונ'ם אויג...

שלמה:

גערירט. וויין נישט. ס'וועט נאָך גוט זיין. וועסט דיר אויסזוכען א צווייטען.

אנאָרקאַ:

לאָזט זיך נישט באַרוהיגען. נאָר דיך — צו אַנ'אַנדערען האָב איך קיין צוטרוי נישט; דיר גלייב איך. דיך...

שלמה:

שלאגט איר איבער. דו מוזט מיך פארגעסען, אויף אייביג.

אנארקא:

שפרינגט אויף ווי א צורייצטע חיה. כ'וועל דיר שוין ווייזען ווער כ'בין... כ'וועל מיך אין דיר נוקם זיין. אנטלויפט שנעל.

שלמה:

נאך א ווײלע. זי קען נאך אבטוען א מיאוסע זאך. צו'זיך. צי וואס האט עס מיר געטויגט?

שרה'טשע:

כימרע. ס'טוט איר ווי שרייט זי, אבער ס'וועט בא איר לאנג נישט אנהאלטען. זי וועט באלד אין אלץ פארגעסען —

שלמה:

קוקט אויף איר א ווײלע פארטראכטערהייט, מורמעלט. הלואי.

פויזע.

די הויקערטע לויפט ארויס פון טויער, פאלט צו צו זיי.

אכטע סצענע.

די פריהעריגע — הויקערטע.

הויקערטע:

מיט א פארכאפטען אטעם. אנטלויפט. שנעל.

שלמה:

קאלט. וואס איז געשעהען?

הויקערטע:

ווי א סוד. דער בלינדער האט געמאכט די קונץ. נאך א ווײלע. זי האט אהיימגעברענגט פון שטאט א רייכען גאסט צו זיך, דער ממזר האט עס דערשנאפט און ר'איז ארונטער אונטער'ן

טיש. יענער האט אויפגעהאנגען ס'רעקעל אויפ'ן שטול און ס'איז פינצטער געווארען. שפעטער ווען יענער וויל שוין ארויסגייען, ער נעמט ארויס די טאוועל און ס'ווערט אים טונקעל פאר ד'אויגען.— צולאכט זיך, קעציש. דער בלינדער האט אים צוגעגראפט ס'גאנצע פעקעל, ער האט איבערגעלאזט א ביסעל קליינגעלט... כא—כא—כא! יענער וויינט, בעט זיך רחמים... ער שרייט, ס'טראשעט מיט פאליציי... כא—כא—כא! גנב'יש. כ'האב אבער מורא, אז דאסמאל וועלען זיי פארשיט גייען, מיט זייער משא ומתן.

שלמה:

קאלט. פארוואס?

הויקערטע:

ס'איז א לאך. ווי פריהער. דאריבער לעבט מען אזוי ברייט, מ'קליידט זיך אזוי עלעגאנט, פון פרעמדער פראצע.

שלמה:

אזא יאט דארף מען אבהיימען.

שרה'טשע:

נקבות ליידען דערפון.— אנשטענדיגע מענטשען אנטלויפען פון אונז: זיי האבען מורא צובלייבען מיט אונז אליין, אין א באזונדער חדר.

הויקערטע:

שרייט. שא. ער גייט דא אהער. אנטלויפט שנעל.

שרה'טשע:

פארשווינט אין א זייטען-געסעל.

שלמה:

באהאלט זיך אין א זייט.

ניינטע סצענע.

שלמה — דער גאַסט.

דער גאַסט:

לויפט אַרויס שנעל פון טויער, קוקט פון אלע זייטען, צי מ'זעהט אים נישט, וויל שטיל אַדורכשלייכען זיך ווייטער ווי אַ שאָטען, טרעפט אָבער נישט באַמערקטערהייט אָן אויף שלמה'ן, וועלכער שטייט און קוקט אויף אים מיט שטאַרע בליקען — שפרינגט אָב אַ דערשראָקענער פון אים,ביידע קוקען זיך אַ ווײַלע איבער, קורצע פויזע.

שלמה:

גראָב. וואָס טוט איר דאָ ?

גאַסט:

תאַ..?

שלמה:

בייגט זיך צו אים איבער. מ'האָט אייך באַ'גנב'ט —

גאַסט:

ווער האָט געזאָגט ?

שלמה:

מ'האָט דאָ אַזוי דערציילט.

גאַסט:

ווי אַ סוד. שאַט, זאָל קיינער נישט וויסען דערפון. שטעקט אים אַ קופּע מטבעות אין דער האַנט, שלמה פאַרשטעקט זיי געשיקט אין בוזים-טאַש.

שלמה:

ביטרע. כ'בלייב שטום ווי אַ פיש.

גאַסט:

אַנטלויפט.

צענטע סצענע.

שלמה, אָלעק, נקבות — דער בלאַטער.

אָלעק:

קומט אָן מיט ברייטליבע טריט, די הענט פאַרוקט אין די הויזען-טאַשען, פייפט אויס אַ לידעל.

שלמה:

בייט אים אַקעגען, רעדט נישט אַ וואָרט צו אים, נאָר קוקט אים שטייף אָן.

אָלעק:

האַלט נישט אויס זיין בליק, פאַרווינדערט. וואָס איז, מ'קען דאָך רוהיג נישט אַדורכגייען, פאַרטשעפּעסט יעדען איינציגען. צי געהער דיר, די גאַס ?

שלמה:

שאַרף. דאָ בין איך בעל הבית.

אָלעק:

שפּאָטיש. אַזוי ?

שלמה:

פלוצלינג. כ'שטער דיר —

אָלעק:

יאָ.

שלמה:

דונערדיג. און דו שטערסט מיר.

אָלעק:

ניי‌געריג. מיט וואָס ?

שלמה:

דערנעהנטערט זיך צו אים. דו קריכסט דאָרט וואו מ'דאַרף

ניש. נאָך אַ ווײלע. קוק נאָר אָן, די נייע וואָילע־יונגען — מיט אַ בלאָז פליהסטו אַוועק פון דאַנען. זייט ווען ביסטו דאָ אויס־געוואַקסען—דו ממזר בן נדה. ביסט געוואָרען אַזאַ חבר לאָפ מיט אַנאָרקאַ'ן, ליגסט פסדר אין איר שטוב, פאַרברענגסט גאַנצע נעכט מיט איר און פראַוועסט בעלער מיט הוליאַנקעס— וואָס איז די שמחה אויף דיר? פון וואַנען קומסטו צו איר?

אָלעק:

כ'בין דער אייגענער וואָילער וואָס דו.

שלמה:

אַזוי גאָר. פאַקט אים אָן פאַר'ן קאָלנער. שרייט. ווי לאַנג איך בין דאָ, איז זי מיין: אויב אַ יונג וועט אונטערשפּרינגען צו איר, וועל'ך אים צוקרישלען די ביינער... האָסט געהערט, צי ניש..? טרייסעלט מיט אים, הין און צוריק.

אָלעק:

רייסט זיך געשיקט ארויס פון זיינע הענט, שרייט. ווער ביסט דו? ס'לאַכט פון דיר.

שלמה:

גנידע, דו וועסט באַלד שפּייען מיט בלוט.

אָלעק:

הויך. זי איז אַ נקבה — און אַ נאַש בראַט קען טוען מיט איר וואָס ער וויל: דערצו איז זי באַשאַפען געוואָרען; קיינער דאַרף נישט זיין איר הערשער. צוגעבענדיג. ווילסט האָבען אַ ווייב, מוזטו דיך אויסשליסען פון אינזער חברותא. דאָ גע־הערט זי צו אַלע, ווער ס'וויל קען פאַרברענגען מיט איר.

שלמה:

ס'וועט קיינער נישט טאָרען צורירען זיך צו איר — כל

זמן איך בין דאָ. אז נישט וועל'ך אים מאַכען מיט אַ קאָפּ קלענער.

אָלעק:

טאַקע?

שלמה:

אַזוי וועט זיין.

אָלעק:

וועלען מיר זעהען.

שלמה:

אויב דו ביסט אַ שטאַרקער, וועלען מיר זעהען ווער פון אונזביידע וועט פאַלען. שפּרינגט צו צו אים אַ צורייצטער, יענער שטופּט אים אָב פון זיך מיט שטאַרקע קלעפּ, ס'ווערט אַ נעשלעג.

שלמה:

האָט אים פעסט אָנגעקריגען, שרייט טריומפירענדיג. וואָילער־יונג. רעד אַ וואָרט. וואָס שווייגסטו?

אָלעק:

שרייט. לאָז אָב.

שלמה:

העכער. און אַז נישט...

אויף זייערע ביידע לעצטע קולות, קומען אָנצולויפען נקבות פון אַלע זייטען, צווישען זיי שרה'טשע, אַנאָרקאַ און דער בלאַטער.

דער בלאַטער:

שפּרינגט אונטער שנעל, צו־וואַרפט זיי אין פאַרשידענע זייטען, צולאַכט זיך הויך אויפ'ן קול. יונגען, הרג'ענען זיך צוליב אַ קליידעל. וואָס איז? ס'פעהלט אויס דאָס מיסט? ס'וואַלגערט זיך דאָ אַרום, אין די גאַסען... העכער. מיט אַ ווינק, אַ גוטען שמייכעל

און איבער הויפט פאַר קעש — קויפט איר די שענסטע פרויען פון דער וועלט—זיי פליהען ווי די טייבעלעך צו אייך אין די נעסטען אריין... ס׳לוינט נישט פאַר זיי, איינצושטעלען דאָס לעבען!—

פ ו י ר ה א ג ג.

צווייטער אקט

א גרויס גערוים חדר. כמעט אינגאנצן ליידיג.

אין דער אוואנס-סצענע — איבער די גאנצע לענג — איז פארצויגען א פוירהאנג פון טונקעלען קאליר, וואס צופאלט אויף עטליכע טיילען. דא און דארט איז אוועקגערוקט א שטיקעל פוירהאנג און ס'זעהט זיך ארויס: אנ'אייזען בעטעל מיט א ביסעל בעטגעוואנט דארויף. רעכטס — א פענצטער אויף דער גאס; דערנעבען א טיש מיט שטולען און א קאנאפע — הארט בא דער וואנט. אין דערמיט שטוב — אין דער ברייט — א טיש מיט שטולען. לינקס — דורך געדרייטע טרעפען, וואס לאזען זיך אראב אין דער שטוב — פירט צו דער ארויסגאנג-טיר. די ווענט זענען באהאנגען מיט פיקאנטע בילדער און פארטרעטען פון די נקבות פונ'ם הייזעל און חברה פון דער אונטערוועלט.

ווען דער פוירהאנג ווערט אויפגעצויגען — הערט מען פארשידענע קולות און א הילכיג געלעכטער, וואס שאלט אב פון א פריילעכער חברותא. גלייך — בא'ם טיש — זיצט חברה וואס האלט אינמיטען טרינקען, דער טיש איז פול מיט פלעשער און פארשידענע צובייסענס. אויבענאן זיצט דער 1-טער גאסט מיט א פלאש אין דער האנט, אויף זיין קני א נקבה וואס שמייכעלט צו אים קעציש און וויקעלט זיך ווי א שלאנג ארום זיין קערפער. ווייטער אביסעל זיצט דער 2-טער גאסט, אבגעטיילט פון אלע, פארמרה'שחורה'ט, ווי פארטויען אין זיך. דא און דארט זיצען און שטייען נקבות מיט יונגען, אונטערהאלטען איינער דעם צווייטען, אויף א ביליגען ציגישען אופן. אין צווייטען ווינקעל בא'ם פענצטער — זיצען בא'ם טיש עטליכע פארשוין פארטויען אין שפילען. די שפילער זענען זייער אויפגערעגט און דאס שפילען גייט מיט א שנעלען טעמפא. אויבענאן זיצט שלמה, אקעגענאיבער אים זיין פארטנער. ארום טיש שטייען א סך נייגעריגע און פאראינטערעסירטע פארשוינען. צווישען זיי שרה'טשע, זי איז שטארק צוטראגען און פריוואט טיילמאל שטערען דאס שפילען. ס'טרעפט ס'ווערט איבערגעריסען איבער אין אויף א ווילע, אבער שפילער בלייבען קאלט און רוהיג — באלד ווערט געשפילט ווייטער מיט נאכמעהר פארביסענקייט. די שטימונג ארום איז א געשפאנטע, אלע פנימער זענען צוהיצט, אויגען בליצען מיט פייער און אזוי ווי אין דער לופט וואלט געשוועבט פולווער. אלע שווייגען. קורצע פויזע.

ערשטע סצענע.

שלמה, בלאטע, שרה'טשע, דער פארטנער, 1 און 2-טער גאסט, נקבות און יונגען.

שלמה:

שפרינגט אויף פון ארט, כאפט אן פאר'ן קאלנער איינעם פון די ארומשטייענדיגע בא'ם טישעל, שרייט אין רציחה. דו שטייסט אויף צונג? באפוילעריש. אוועק פון טיש! אז נישט... הייבט אויף די האנט, וויל אים געבען א קלאפ.

איינער:

האלט אים אב. אנ'אלטער סכאקער. האט ער געוואלט הערשען א לייכט-פארדינסט, איז נישט געגאנגען, גיט מען אים דעם לויף-פאס און — נעעסקים. לאכט ציניש.

א צווייטער:

קריכט ארויס אין דער ערשטער ריי, שצירעט מיט די ציין, קוקט אויף אים מיט וועלפישע אויגען. וואס איז? דו ווילסט אלע נעמען אויפ'ן זיכער. זוך דיר אויס דעם בלינדען יאש — ער איז דיין מענטש... ביטער. האסט דאך פארלייגט א בייזעל, נקבות ארבעטען שוין פאר דיר. גיפטיג. ווילסט האבען נאך א מלינה, וואו בלאטע זאלען פארסכאקען אלץ ביז אראב צוליב דיר: דערנאך גייען זיי ארום אויפ'ן פענט, באגייען גנבות און ברענגען עס דיר דא אהער... וואס איז, דא? קוקט צארניג, שאקעלט טרויעריג צו מיט'ן קאפ.

שלמה:

ענטפערט אים נישט, פאקט יענעם פעסט אן בא'ם קארק, טרייסעלט מיט אים

אין דער לופטען. דו ווילסט דיך שפּילען — נעם דיר ארויס די מענטשעלעך פון דיינע אויגען. אָבער, נישט פאַר פרעמדע פּראָצע. די הינטישע לעבער! גיט אים א שטויס אויף דר'ערד און א קאַפּיע צו מיט'ן פיס, וויל צוריקגייען צום טישעל, שרה'טשע פארהאלט אים, ער קוקט אויף איר פארווינדערט, קורצע פויזע.

שרה'טשע:

אויפגערעגט. דו מעגסט שוין אויפהערען צו סכאַקען — האָסט היינט גענוג אדורכגעלאָזט...

שלמה:

דו דאַרפסט מיך נישט צו היטען. קענסט אַרויסגייען אויפ'ן פאַרדינסט.

שרה'טשע:

אָבער, געלט מוז איך געבען —

שלמה:

צו וואָס האָב איך דיך? אַז נישט, צוליב דעם.

שרה'טשע:

בלייבט שטייען ווי פארשטיינערט, קען זיך נישט באהערשען, פארשטעלט ד'אויגען און צושלוכצט זיך הויך אויפ'ן קול.

שלמה:

גייט שטיל אונטער צו איר, מיט א געמאַכטען אַנשטעל, גלעט זי לייכט איבער'ן קאפּ, קאַלט. נאַרעלע, וואָס איז? ס'האָט עמיצער דיר אַנ־עולה געטוען —

שרה'טשע:

ערענסט. כ'זעה דאָך ווי דו ביסט צו מיר.

שלמה:

וואָס ווילסטו, כ'זאָל מיך שפּילען מיט דיר?

שרה'טשע:

מיט אמאָל. דו קוקסט דיך אַפילו נישט אום אויף מיר. דו לאָזט מיך שטענדיג לויפען, כ'בין ווי אַ שפּין דיר אין ד'אויגען. צוגעבענדיג. איך ווער אויסגעריסען — און דו... ענדיגט נישט.

שלמה:

שארף. מאַך נישט קיין טענות. גיי אַרויס אין דער גאַס אַריין. —

שרה'טשע:

גייט שנעל אָב.

שלמה:

צום פארטנער, נאָך א ווייל. וואָס קלערסטו? דו מאַכסט מיר אַריין. האָסט פריהער אויסגעשטעלט. לאַכענדיג. ביסט שוין צו־שרויפט? קען איך מיך אָברייסען פון משא ומתן.

דער פאַרטנער:

קאַלט. ווי דו פאַרשטייסט. מישט איבער די שטיינער אויפ'ן טיש, זיי הייבען אָן שפּילען, חברה רינגלען זיי ארום, ס'ווערט שטיל.

איינער:

אויסרופענדיג. ווער האַלט?

אַ צווייטער:

איך.

אַ דריטער:

אָן א זייט. און איך — מיט דיר.

אַ פערטער:

נאָך א ווייל. כ'וויל אַ שאַנס.

אַ פינעפטער:

כ'צאָל צווייפאַך.

אַ זעקסטער:

אין אַ ווינקעל. צוהיצט. און איך דרייפאַך — אַז יענער פאַלט.

חייזט אויף איינעם פון די שפּילער.

אַ זיבּעטער:

גייט עס.

שלמה:

אריינקוקענדיג אין זיינע שטיינער. האָסט מיר שוין געמאַכט ס׳פּעקעל. דיין געשיקט הענטעל. זאָל דיר נאָר אָבּגענומען ווערן.

שמעלט אַרויס אַ שטיין. אַ בּעלע.

דער פּאַרטנער:

שנעל. דערדע מיט׳ן טאָפּער —

שלמה:

נעמט אַ חיילע. זיך און ווערזע. שפּילען.

פּ ו י ז ע.

1:טער גאַסט:

קוקט אָן אַלע אַ ווײַלע מיט תאוה=אויגען, הייבּט אָן רעדען ווי אונטער אַ היפּנאָז. די פרוי איז די שיינקייט פון אונזער לעבּען. פאַר־ווינדערט. ווי וואָלט אויסגעזעהען ס׳לעבּען אָן איר: גרוי און איינטעניג... זי טובּלט אונז אָבּ אין איר גרויסער ליבּע: בּאַ־רירט פון אַ צאַרטער נשמה, גייען מיר אַרויס געלייטערטע — מיר דערקענען נייע געפיהלען... שפּעטער קוקען מיר אויף אַלץ מיט אָפענע אויגען. אויסרופענדיג. זאָל לעבּען די פרוי, וואָס האָט דעם כשוף וועקען אין אונז, דעם חשק צום לעבּען... זאָל לעבּען! טוליעט פעסט צו זיך זיין פּאַרטנערקע, צוקושט זיך מיט איר.

אַלע:

אין התלהבות. בּראַוואָ! גוט געזאָגט! אפּלאָדיסימענטען.

2:טער גאַסט:

הערט נישט־בּערוּלדיג. בּאַקוקט דעם עולם מיזיש, רעדט נאָליג. דאָס איז ליידענשאַפט. נאָך אַ ווײַלע. דער מענטש דרייט זיך אַרום ווי אַ שאָטען אויף דר׳ערד... ס׳לעבּען איז כּסדר דער בּלוטיגער־געראַנגעל מיט זיך אַליין און אָהן אַ ציל... דער גורל איז אַ פּאַטום: ער ווייסט נישט, וואָס דער מאָרגען בּרענגט — אַלץ איז פאַרהוילען, פיל מיט סודות... מיט בּלאַנדזשענדיגע אויגען. כ׳וויל אָבּער דערגיין דאָס אייבּיגע רע־טעניש, דעם טיפען סוד פון מענטשליכען דאָ־זיין. געבּראָכען. צו קליין בּין איך. צו אָרעם איז מיין געדאַנק. צו נישטיג מיין קוק — כ׳בּין אַ מילבּ. דונערדיג. מיר אַלע זענען אָהן אַני־אייגענעם ווילען און כאַראַקטער... בּלייכע נשמות... שאָטענס...

אַלע:

שטיל. אמת.

2:טער גאַסט:

אין עקסטאַז. כ׳זוך די פאַרגעסענקייט. — כ׳וויל מיך בּאַפרייען פון דעם בּרוטאַלען לעבּען: פון די מענטשען־חיות מיט זייערע ליידענשאַפטען און אינסטינקטען; אין זייערע גראָשענדיגע אינ־טערעסען. העכער. כ׳דערהייבּ מיך דאַמאָלס איבּער אַלע... כ׳שוועבּ אין די הימלען... דאָס איז די גרויסע פאַרגעסענקייט — — — און דאָ געפין איך זי. הייבּט אויף דאָס פלעשעל, טרינקט דערפון, פאַר־בּלינעט זיך.

פּ ו י ז ע.

אַנאָרקאַ:

קומט אריין.

צווייטע סצענע.

די פריהערדיגע — אַנאָרקאַ.

אנאָרקאַ:

פאַלט אריין מיט אימפעט, בלייבט שטיין פאַרווינדערט, פאַרלייגט בײדע הענט אויף די פאַליע, רופט אויס. וואָס טוט זיך דאָ, חושך? ס'קען דאָך שוין אַ גאַסט נישט אַריינקומען, דאָ אַהער. ס'מאַכט מיר אַ תּל פון דער פּרנסה... שלמה.

שלמה:

פון אָרט. וואָס איז?

אנאָרקאַ:

מי פריהער. קום אַהער.

שלמה:

קאַלט. וואָס ווילסטו?

אנאָרקאַ:

לויפט שנעל אונטער, רוימט אים עפּעס איין אויפ'ן אויער, בײדע רעדען אַ ווײלע אין דער שטיל.

שלמה:

ווערט ערענסט, וואַקסט אויס מיט אַמאָל, נעמט אָן אַ פּאָזע. ביסט גע-רעכט. שטייט אויף פון אָרט, באַפוילעריש. מיר הערען אויף. צו אַלע. עמיצער, וויל דאָ אַריינגייען.

אַלע:

שטייען שטיל אויף, מאַכען זיך גרייט אַוועקצוגייען, דער עולם הייבט אָן בּיסלעכווייז אַרויסצוגייען, ביז זיי פאַרשווינדען, דער זאַל בלייבט ליידיג. אנאָרקאַ לויפט אַרויס אויף דער גאַס, נאָך אַ ווײלע קעהרט זי באַלד אום צוריק.

אנאָרקאַ:

גייט אַראָב פון די טרעפּען, רעדענדיג. קומט, אָט דאָ וואוינ איך.

דער אינוואַליד:

קומט אַריין.

דריטע סצענע.

אנאָרקאַ — דער אינוואַליד.

דער אינוואַליד:

איז אָנגעטוען מיט געשמאַק, אין אַנ'עלעגאַנטען שווארצען פּאַלטען און פיינעם הוט, אַ זילבערנעם שטעקען אין האַנט — קומט אַריין געלאַסען, קוקט מיט חשד-בליקען, ווי ער וואָלט אַלץ בּאַפאָרשט און אַדורכגענומען מיט זיינע אויגען. ער פאַרהאַלט זיך אויסערליך רוהיג, איז קאַלט און צוריקגעהאַלטען.

אנאָרקאַ:

האָט עס באַמערקט, מאַכט צוּרשט צורעכט די פריזור, דערנאָך גייט זי נעהנטער צו אים און שמייכעלט פאַרלעגען. איר זענט דאָ גאַנץ זיכער, ווי בּאַ זיך אינדערהיים. שלעפּט אים צו זיך. זעצט אייך אַנידער, וועלען מיר אַביסעל גוט פאַרברענגען צווישען זיך.

דער אינוואַליד:

זעצט זיך, אנאָרקאַ נעבען אים, זי נעמט אים גלעטען און ציהען צו זיך. ער האַלט זי אָב מיט אַ האַנט-צייכען.

אנאָרקאַ:

נאָך אַ ווײלע. איר זענט זייער שיין. אייערע אויגען זענען סאַמעט ווייך — כ'האָב ליב אַזעלכע מענער. דאָס איז מיין געשמאַק.

דער אינוואַליד:

אָבער...

אנאָרקאַ:

קומט אַריין אין דער ראָל. מאַכט נישט אַזאַ זויערע מינע. ס'פּאַסט אייך נישט צו אייער פּנים — איר קריגט אַ קינדעריש אויסזעהן.

דער אינוואַליד:

שלאָגט איר איבער. צו וואָס דאַרף איך דאָס וויסען.

אנאַרקאַ:

פלוצלונג. איר זענט רייך? ווייל, איר זעהט אויס אויף אַ מענטש פון דער בעסערער געזעלשאַפט. — ווינדערט אייך נישט, צו מיר קומען כסדר אַזעלכע הער'ן; מענער וואָס האָבען שיינע פרויען אינדערהיים, און ווען יענע ווערען זיי דערעסען, קומען זיי דאָ אַהער צו אונז. אויפגעלעבט. ס'האָב לעצטענס געהאַט אַ פאַקס.

דער אינוואַליד:

שטרענג. כ'האָב אייך געוואָלט עפעס פרעגען. שטייט אויף.

אַנאַרקאַ:

ווערט אַנגעבלאָזען, שטייט אויף פון אָרט. כ'הער.

דער אינוואַליד:

ציהט די ווערטער. קענט איר מיר נישט זאָגען, ווי שרה'טשע איז. כ'חייס, זי איז דאָ באַ אייך. כ'וואָלט זי געוואָלט זעהען...

אַנאַרקאַ:

מאַכט זיך נישט הערען, טייוולאָניש. איך געפעל אייך נישט? ווייקעלט זיך ארום אים ווי א שלאנג. וואָס זאָגט איר, כ'בין שיין — קוקט אויף מיר. איר פיהלט דעם אַראָמאַט פון מיין קערפער: כ'וועל אייך פאַרשכור'ען, צופרידענשטעלען...

דער אינוואַליד:

בייז. כ'דאַרף איר עפעס איבערגעבען, כ'בין אירער אַ קרוב.

אַנאַרקאַ:

אַזוי. קעציש. אויב איר וועט מיר באַצאָלען, וועל איך לויפען זי אויפזוכען פאַר אייערטוועגען.

דער אינוואַליד:

גוט. גיט איר בעלט, זי פארשטעקט עס כיטרע אין בוזים.

אַנאַרקאַ:

באַלד קומט זי. לויפט ארויס שנעל. קומט צוריק מיט שרה'טשע'ן, בלייבט שטיין נאָך א חיילע, אָב.

פערטע סצענע.

שרה'טשע — דער אינוואַליד.

שרה'טשע:

מאכט זיך א חיילע צורעכט די טואלעטע, פרעגט קאלט צו וואָס ביסטו דאָ אַהערגעקומען?

דער אינוואַליד:

נערוועז דיך זעהען.

שרה'טשע:

בייז כדי מיך צו זעהען אין מיין געפאַלענקייט.

דער אינוואַליד:

ווי פריהער. ניין, כ'האָב געפיהלט פאַר אַ נויטווענדיגקייט דיך היינט צוזעהען, און מיט דיר צורעדען.

שרה'טשע:

ניפטיג. דו האָסט דיך פאַרבענקט נאָך מיר —

דער אינוואַליד:

אפשר.

שרה'טשע:

שעלמיש. דו האָסט מיך נאָך ליב.

דער אינוואַליד:

שווייגט.

פ ו י ז ע.

דער אינוואַליד:

נאָך אַ חיילע שרה'טשע.

שרה'טשע:

שנעל אויסדרייענדיג צו אים דעם קאָפּ. וואָס איז?

דער אינוואַליד:

ראַנגעלט זיך א ווײַלע מיט-זיך, מ'דערקענט אז אין אים קומט פויר א שווערער האַרץ-קאַמף; הײבט אָן דערצײלען מיט א ציטערינגע שטים. אָבער וואָס אמאָל ווערט ער שטאַרקער. צולעצט אינגאַנצען אויפגערעגט. ווען כ'בין אַוועק פון דיר, האָב איך מיך געפיהלט איינזאָם. כ'בין אַרומגעגאַנגען שטאַרק צוטראָגען — כ'האָב מיך געשפירט הילפלויז; מיין קאָפּ איז מיר געוואָרען אָנגעגאָסען מיט בלײ, די געדאַנקען זענען געלאָפען באַ מיר, און כ'האָב געשפירט, אַז כ'וועל משוגע ווערען... *צוגעבענדיג.* כ'האָב געדאַרפט א פריינט פאַר וועמען צו קענען פאַרטרויען זיך, אַראָבצורעדען מיין שווער האַרץ — אפשר וואָלט מיר נאָכדעם בעסער געוואָרען. אַ חבר, וואָס זאָל מיר אויסשטרעקען זיין ברידערליכע האַנט, אָבער — *ענדיגט נישט.*

שרה'טשע:

ווערט נישט-געדולדיג. צו וואָס דערציילסטו מיר עס.

דער אינוואַליד:

כ'האָב שווער געזינדיגט אַקעגען דיר —

שרה'טשע:

שווייגט.

דער אינוואַליד:

מיין געוויסען האָט מיך געפּייניגט...

שרה'טשע:

שווייגט.

דער אינוואַליד:

ברעכט-אויס אין א היסטערישׁ געלעכטער. כאָ — כאָ — כאָ! שטעל

דיר פויר: כ'האָב חתונה געהאַט — דאָס איז געווען אַנ'ענטפער אויף מיין דירכפאַל באַ דיר.

שרה'טשע:

שעלמיש. האָסט גוט געטוען — יעצט וועסטו שוין מיך זיכער קענען פאַרגעסען. *לאַכט.*

דער אינוואַליד:

א מאַך מיט דער האַנט. כ'האָב אַ יונג שיין ווייב, וואָס איז עלעגאַנט און פול מיט לוקסוס, כ'בין איצט רייך געגוג — אָבער — אַלץ איז מיר פרעמד. כ'דריי מיך אַרום אַ פרעמדער אין מיין היים. מיין אייגען ווייב איז מיר פרעמד — זי פאַרשטייט מיך נישט...

שרה'טשע:

ציניש. דאָס דאַרפסטו זאָגען דיין ווייב — נישט מיר. דו נודעסט מיך.

דער אינוואַליד:

מיט געבעט. הער מיך אויס.

שרה'טשע:

גוט.

ש ו ײ ג ע ן.

דער אינוואַליד:

מיט א געבראָכענער שטים. צווישען אונז ביידע, האָב איך געוויסט און געפיהלט, איז אַלץ געענדיגט. ווי טוט מען זיך אַהין, מיט מיין קראַנקער נשמה? יאָ, מיין נשמה איז קראַנק. *העפטיגער.* האָב איך באַשלאָסען אַריין אין לעבען: כ'האָב גענומען פאַרברענגען מיט די שענסטע פרויען; הוליען און פאַרברענגען גאַנצע נעכט. כ'האָב גענומען שכור'ען... *נאָך א ווײַלע.* מ'האָט אָנ-

געהויבען צו רעדען וועגען מיר. אלע האָבען מיך געהאַט אין די מיילער. פאַרווינדערט. וואָס אַרט מיך די וועלט? רופט אויס. כ'וויל אויסנוצען ס'לעבען, כל זמן כ'בין נאָך יונג... רייסט איבער. אויסגעלאָשענע אויגען האָבען פאַרפירעריש געווינקען צו מיר, גרין־בלויע ליפען האָבען מיך באַרירט, איינגעפאַלענע ברוסטען האָבען געטוליעט זיך צו מיר, דאַרע אויסגעשטרעקטע הענט האָבען קראַמפירענדיג מיך אַרומגענומען... כ'האָב דערזעהען מענטשען־סקעלעטען, וואָס זינדיגען ווי שאָטענס אויף דער וואַנט; כ'האָב דערפיהלט דעם קאַלטען אָטעם פונ'ם לעבען. אויסרופענדיג. דאָס לעבען איז מיאוס! כ'וויל אָבער, לעבען, לעבען! לעבען — כ'בין נאָך אַזוי יונג...

פ ו י ז ע.

דער אינוואַליד:

מיט געבעט. קעהר דיך אום צוריק צו מיר —

שרה'טשע:

כ'בין זינדיג...

דער אינוואַליד:

כ'וועל דיר אַלץ מוחל זיין.

שרה'טשע:

פאַר זיך. כ'בין פול מיט זינד... זינד...

דער אינוואַליד:

באַגייסטערט. כ'העל דיך אַריינפירען אין מיין הויז, דו וועסט זיין מיין ווייב. כ'וועל פאַר דיר־ עפענען די וועלט — דו וועסט ערשט דערקענען און אויסנוצען דאָס לעבען. מיין לאַגע וועט דיר געבען די מעגליכקייט דערצו. דיין פאַרגאַנגענהייט וועט אָבגעווישט ווערען, פון דיינע גוטע מעשים, וואָס דו וועסט

טוען. וועסט דיר קונא שם זיין — אַזוי טוען אַלע. אויף דער עלטער ווערען זיי פרום. ווי פריהער. מיר וועלען זיך ביידע ליבען און זיין גליקליך — — קעהר דיך אום צוריק צו מיר...

שרה'טשע:

דאָס קען איך נישט.

דער אינוואַליד:

אין שרעק פאַרוואָס?

שרה'טשע:

פעסט מיין אָרט איז דאָ. אין מיין שאַנד, מוז איך פאַרלוירען גייען.

דער אינוואַליד:

פאַרווינדערט. קענסט דאָך אָבער אַרויסרייסען פון דעם זומפ, וואָס האָט דיך אַריינגעכאַפט —

שרה'טשע:

שוואַך. ס'פעהלט מיר אויס כוחות אַרויסצוראַטעווען זיך...

דער אינוואַליד:

וועל איך דיר העלפען —

שרה'טשע:

פאַרקוקט אין דער ווייט. דאָ איז די אונטערשטע־וועלט.— דער דעמאָן רעגירט איבער אונז; דער גוף ווערט אויפגעפרעסען פון די זינד... דאָ קומען אלע אום...

דער אינוואַליד:

שטיל. אַלע?

שרה'טשע:

שעפטשעט. אַ טייל אין די לאַבייען און שפיטעלער. אַ סך פוילען אין די תפיסות, פאַר פאַרשידענע פאַרברעכענס און גנבות;

די איבעריגע מאטערען זיך דאָ אין יסורים, ביז זיי גייען שטיל אויס... אַלע קומען דאָ אום...

פויזע.

שרה׳טשע.

אויפגעכאפט פון שלאָף. כאַ—כאַ—כאַ! ווער האָט דיר געזאָגט, אַז מיר איז שלעכט? ס׳פעהלט מיר דאָ, גאָרנישט... כ׳בין אַליין, פריי...

דער אינוואַליד:

וויל עפעס זאָגען.

שרה׳טשע:

קומט אריין אין דער ראָל. כ׳האָב געזעהן דו ביסט נייגעריג, האָב איך מיך לייכט אַמיזירט מיט דיר.

דער אינוואַליד:

שטייט טיף פארטראכט.

שרה׳טשע:

פלוצלונג. ווילסט קענסטו היינטיגע נאַכט, פאַרבלייבען מיט מיר? וועסט זיין מיין גאַסט, און כ׳וועל דיך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס — דיך גוט ווייל׳ען.

דער אינוואַליד:

און אונזער ליבע?

שרה׳טשע:

אין דער וועלט אריין. ליבע עקזיסטירט נישט. ס׳איז דאָ ליידענשאַפט, און אויב זי ווערט איבערגעזעטיגט, שטאַרבט זי אָב...

דער אינוואַליד:

און די זכרונות —

שרה׳טשע:

דאָס איז אַש, וואָס ווירקט ווי אָפיום צו פאַרטויבען די מוחות... פלוצלונג. נאַרעלע, דיך אינטערעסיר איך און נישט קיין אַנדערע. צו וואָס דאַרפסטו דאָס אַלץ וויסען? מיט פייערליך אין די אויגען. דו דורשסט נאָך מיר, ווערסט פאַרשפורט פון דעם אַראָמאַט פון מיין קערפער — געגעהן צו מיר... דו ווילסט דיך אָנזעטיגען מיט מיר. הער ס׳געזאַנג פון מיין בלוט, וואָס רופט צו דיר: שטיל מיין פאַרלאַנג... זויג אויס פון מיינע אויגען דעם פלאַם-פייערדיגען חשק צו דיר, און פון מיינע ברוסטען די גרויסע ליידענשאַפט, וואָס ברויזט, מאַכט שטאַרקער קלאַפען אין מיר מיין האַרץ — דערזעהענדיג דיך. שטיל מיינע פאַרלאַנגען און כ׳בין דיינע!

דער אינוואַליד:

אָט, בין איך. שליסט זי איין אין זיינע אָרעמס.

שרה׳טשע:

שעלמיש די האָסט געמיינט אַז כ׳בין שוין אַלט!

דער אינוואַליד:

איר פרויען זענט דער אייביגער פרילינג...

בײדע: בייען-צרייס אונטער דער פייערהאנג, מ׳הערט אַ ווײלע זייער שטיל שושקען און לאכען, ביז עס פארשווינדט.

פויזע.

דער אינוואַליד:

פון יענער זייט. אין עקסטאַז ווי שיין דו ביסט.

שרה׳טשע:

אין אַ געהויבענער שטימונג. אַנטציק דיך אין מיר —

שווייגען.

שרה'טשע:

לײדענשאפטליך. דריק מיך שטארק צו דײן ברוסט

דער אינוואליד:

מיט א ציטריגע שטים. כ'װער פארברענט פון דײנע הײסע פלאמען — כ'דורשט נאך דיר.

שרה'טשע:

מיט א װײ־געשרײ גענים מיך — —

דער אינוואליד:

מיט א פארכאפטען אטעם דו כשופסט מיך —

שרה'טשע:

דאס איז אונזער סוד — — —

גרויסע פויזע.

פינעפטע סצענע.

שלמה — אנארקא.

שלמה:

קומט שטיל ארײן. פארײכערט א ציגאר, זעצט זיך אנידער באַ'ם טיש. נאך א װײלע ציהט ער ארויס פון דער אונטער־טאש א פלעשעל בראנפען, גיסט אן עטליכע גלעזלעך, טרינקט זײ שנעל אויס — צולעצט לײגט ער זיך אויף דער קאנאפע און שלאפט אײן. אנארקא לאזט זיך אראב פון די טרעפען, זי איז פאן װעלענדיג שטיל אונטער צו זײן נשלענער. קורצע פויזע.

שלמה:

שרײט אויס װער איז?

אנארקא:

פארלגנען איך — אנארקא.

שלמה:

זי פרעגט. װאס איז

אנארקא:

כ'װיל עפעס רעדען מיט דיר.

שלמה:

ברומט אונטער די נאז. אנ'אנדער מאל, נישט איצט —

אנארקא:

גיפטיג. איר ענטפערסטו אויך אזוי?

שלמה:

װעמען?

אנארקא:

שרה'טשען

שלמה:

כיטרע צי איז דיר עפעס אין קאפ ארײן. כא—כא—כא! דו ביסט בײ מיר די אײגענע קנאקערען װאס זי,

אנארקא:

פאר איר קריגסטו די פגירה. נאך א װײלע. װען דו פאר־בלײבסט מיט איר אויף א נאכט: הײבט מען באלד אן שנעלען אין האלז ארײן, ס'װערט ברײט געשש'ט און מ'הוליעט, ס'איז לעבעדיג אין הײזעל: נקבות און יונגען קומען צוזאמען, פון אלע עקען — אין דאס מחיה'לע געדײערט ביז'ן װײסען טאג ארײן. אלע נקבות װערען שיער צוקנאקט פאר קנאה... איך שטײ אן א זײט און קוק צו... צוגעבענדיג. אויב דו דערזעהסט מיך אמאל — איז מיט א גלעט, א קיצעל אין א זײט. האסטו דיך שוין אויסגעקויפט פון מיר אויף א לאנגע צײט; יעצט מעג איך שוין װארטען, ביז כ'װעל דיר װײטער פאלען אין אויג ארײן, און באסטא. זי איז דײן... אבער, איך?

שלמה:

צילאכט זיך הויך אויפ'ן קול כאַ—כאַ—כאַ! ווער שטערט דיר מיטצוהוליען מיט אונז. מ'מאַכט אַ לייטישע כוסה. דערבאַ שלאָגט מען אָב אַ יונג. און מ'פאַרבלייבט מיט אים.. ס'מוז זיין נאָר—איך? כ'האַלט נישט פון ד״ר. טויגסט נישט צו דער מלאָכה—ווי צו פאַרדינען אַ שמאָנדאַק... כאַ—כאַ—כאַ: האָסט דיך אַליין אויסגע'שחור'ט. *לאַכט.*

אַנאָרקאַ:

ביטער ווען וועסט זעהן. כ'וועל דיין לאַרוויסקע אונטערקיפּען די זייטען, און איר אויספּוצען ס'פּנים, מיט בלויע לאַמטערן אונטער די אויגען, — זי וועט דיר אויפהערען צו געפעלען, שיקסטו זי גלייך לופּטערען... דאָס וועל איך איר טוען *גאַליג.* ווי קומט זי צו דיר? ווער איז זי, אַ געמיינע באָס. וואָס נאָר דיך האָט זי געכאַפּט אויף דער ווענטקע. אָבער. ווער *יויל* ויך אומקוקען אויף איר? כ'וועל איר שוין דערציילען די מעשה. זי וועט מיך נאָך האָבען צו געדענקען.

שלמה:

ווי פריהער. אַזוי, וועסטו איר מאַכען בלויע רערער אונטער ד'אויגען, און זי וועט מיר דערפאַר אויפהערען צוגעפעלען... כאַ -כאַ—כאַ!

אַנאָרקאַ:

שווייגט.

שלמה:

זעצט זיך אויף אויפ'ן בעטעל. נאַרעלע. איר ביידע זענט מיינע נקבות און איך וואָין מיט אייך. כ'האָב צו אייך קיין פּרעטענזיעס נישט. איר באַהאַנדעלט מיך גאַנץ גוט... כאַ—כאַ—כאַ! *קייכט פון געלעכטער.*

אַנאָרקאַ:

אָבער, דו אונז?

שלמה:

שטייט אויף. פּאָשאָל.

אַנאָרקאַ:

ארויסקוקענדיג פון דער אויסגאַנג-טיר. אונזערע נקבות זענען אין דרויסען.

שלמה:

באַלעמוטשע נישט. *פלוצלונג.* מיט וועמען האָב איך מיך אַנידערגעשטעלט רעדען, מ'שטיינס געזאָגט? *באַפוילעריש.* מאַרש. אַרויס אין גאַס אַריין. יעצט איז די סאַמע בעסטע צייט, ווען מ'קען אַריינכאַפּען אַ פּרייער און אָבלעקען באַ אים אַ ביינדעל, שטייט זי דאָ — כ'מוז דיר געבען צופרעסען און צו קליידען.

אַנאָרקאַ:

שאַרף. כ'אַרבעט אויף דיר און דו טוסט גאָרנישט. ביסט געוואָרען אַ גאַנצער פּריץ, און נאַרישע נקבות אַרבעטען פאַר דיר... ווען נישט איך, וואָלסטו פאַרפוילט געוואָרען אין די טיורמעס.

שלמה:

גראָב. אַזוי, דאָס האָב איך דיר אַלץ צו פאַרדאַנקען? דאָס האָב איך נישט געוויסט. *לאָזט זיך צו איר אין דער גרעסטער רציחה.* דו אַלטע קאָבילע! ווען נישט איך, וואָלט מען שוין נישט געוויסט, ווי דיין געביין איז אַהינגעקומען. ווער קוקט זיך דאָס אום אויף אַ זעלכע נקבות? אָרענטליכע מענטשען

אנטלויפען פון זיי, ווי פון פעסט... *מיט אויסגעגלאָצטע אויגען.* וואָס, נקבות זענען שוין אויך מענטשען..? *לאַכט.*

אנאַרקאַ:

טייוולאָניש. דו לעבסט פון זיי. זיי זענען דיינע שפּייזער

שלמה:

שווייג! *הייבט אויף אַ פויסט אַ קעגען איר, אנאַרקאַ איז געבליבען ווי פאַרשטיינערט.*

פּויזע.

אנאַרקאַ:

לויפט אונטער צו אים ווי אַ קעציש חיה, אונטערטעניג. פאַרוואָס ביסטו אַזוי שטרענג צו מיר? לאָזט מיך נישט אויפהייבען אפילו דעם קאָפּ..? נאַר, כ'מוז שטייען אונטער דיין רוט —

שלמה:

אַזוי מוז עס זיין.

אנאַרקאַ:

מיט קינדערישער תמימות ווייסט, צוליב דיר האָב איך מיך אָבגעזאָגט פון אַלץ. כ'האָב אַוועקגעוואָרפען מיין שטילע היים. כ'האָב געהאַט אַזאַ טייערע מאַמע, וואָס האָט געפלאַטערט איבער מיר ווי אַ שטילע טויב, זי האָט מיך אַזוי ליב געהאַט... כ'בין געווען אַזאַ כשרה ערליכע נשמה.. אַזאַ שיינע... *אין שרעק.* דאָס אַלץ האָב איך מקריב געווען צוליב דיר: מיין יוגענט, מיידעלישקייט, און מיין היים — — כ'האָב צוליב דיר אויסגעקליבען די גאַס פאַר מיין היים, כ'בין אַריין אין אָבגרונט פונ'ם לעבען.—

פאַרטיפט אין געדאַנקען, רעדט צו זיך. אָי, ווי ווינדערליך דאָס אַלץ זעהט אויס. דאַכט זיך, ס'איז געשעהען ערשט נעכטען אין דאָך—שוין אַזוי לאַנג... אַזוי לאַנג... ווי אין חלום געדענק

איך שוין יעצט אַלץ. *מיט אמאָל.* צוליב וואָס האָב איך דאָס געטוען? כ'זאָל האָבען אַזאַ שוואַרצען סוף..? ! כ'זאָל יונגערהייט קיהלען די ערד, ליגען איינזאַם דאָרט ערגיץ באַ'ם פלויט און אַ קליין בערגיל זאָל צודעקען מיין קבר. *העפטיגער.* ווער האָט מיך צוגערעדט צו דער שמד? וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר? פון מיין יונגער ערליכער נשמה..? *מיט יאוש* כ'בין שוין יעצט קראַנק, און מיין סוף איז נישט ווייט... נישט ווייט...

פאַרהוסט זיך, קוקט מיט פאַרלאָשענע אויגען ארום זיך.

שלמה:

פון דערווייטען. האָסט אַזוי געוואָלט. ס'האָט דיך קיינער נישט צוגערעדט דערצו. איך ווייס פון גאָרנישט. *דרייט זיך אום האַסטיג צו איר.* אפשר, באַשולדיגסטו מיך? האַ..? *נאָך אַ ווייַלע.* דיין בלוט איז געווען צו הייס, זינדיג... און דו האָסט מיך מיטגעשלעפּט אין דעם זומפּ אַריין; איך וואָלט דאָ יעצט נישט געווען.

אנאַרקאַ:

ווי פאַר זיך. די שולד איז מיינע. יאָ, כ'האָב געדאַרפט וויסען וואוהין דו פירסט מיך, אין שאול תחתיה אַריין: כ'בין לייכטזיניג דיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטען. *מיט אַ וויי־געשריי.* זיי כאָטש גוט צו מיר, ליבליך, כ'האָב דאָך אַלץ פאַרשפּילט צוליב דיר — און דו ביסט אַזוי אכזריות'דיג צו מיר, אַזוי שלעכט...

מיט אויסגעשטרעקטע הענט. כ'האָב דיך ליב — — —

שלמה:

גראָב. ליבע־שמיבע. ליב האָט זי מיך. כ'בין דאָך נישט דיין ליבהאָבער? *העכער.* שלאָג דיר דאָס באַצייטענס פון קאָפּ אַרויס, וועט דיר געזונטער זיין. נישט אַרומטראָגען זיך מיט

נאַרישקייטען. פּעסט דאָס איז מיין געשעפט. און ווייטער גאָרנישט!

אַנאָרקאַ:

מיט בלאָנדזשענדיגע אויגען. און איך וואָס בין דאָ?

שלמה:

סטאַמעלט. כ'ווייס... דו ביזט אויך דאָ — אַז דו ווילסט. אַז נישט, וועלען קומען אנדערע... די וועלט איז גרויס.

ג ר ו י ס ע   פּ ו י ז ע.

אַנאָרקאַ:

מיט נעבעך זעה, ווי מיין האַרץ ווערט יעצט צושניטען אין מיר: זיי מיר אַ חבר אין מיין גרויסער נויט; פאַר ד'אויגען שווינדעלט מיר, מיינע שלעפען האַקען ווי מיט האַמערס — לאָז מיך אָנשפּאַרען מיין קראַנקען קאָפּ אויף דיין שטאַרקער ברוסט... גענעהען צו מיר — האָב מיך ליב... וויל טוליען זיך צו אים, שלמה שטופּט זי האַסטיג אָב פון זיך, אנאָרקא פאַלט אויף דער ערד.

שלמה:

דונערדיג. אַרויס גיי. די גאַס איז דיין היים.

אַנאָרקאַ:

שטייט שפּיל אויף, גייט אונטערטעניג אָב. שלמה שטייט אַ ווײַלע פאַרטראַכט, גייט שנעל אָב.

זעקסטע סצענע.

שרה'טשע — דער אינוואַליד.

שרה'טשע:

לויפט אַריין אַ צושויבערטע, פאַרשטעקט עפּעס שנעל אונטער'ן בוזים, מאַכט צורעכט זיך די טואַלעטע און האָר, ברומט עפּעס אַ לידעל שטילערהייט

אונטער די נאָז; דער אינוואַליד קומט אַריין אַ קאַלטער, גלייכגילטיגע באַוועגונגען, שטייפע מאַניערען — שרה'טשע דרייט זיך אום מאַשינאַל צו אים, שמייכעלט פאַרלעגען, זי וויל קענטיג עפּעס זאָגען נאָר געפינט נישט אַ פּאַסענדיגען אויסדרוק; ביידע קוקען זיך אַ ווײַלע שטום איבער — שווייגען.

דער אינוואַליד:

רייסט איבער די שטילקייט, מיט אַ פעסטער שטים. כ'קען שוין גייען. כ'בין יעצט שוין דאָ אַנ'איבעריגער.

שרה'טשע:

פאַרלעגען. אַז דו ווילסט —

דער אינוואַליד:

ניין, כ'מוז. מ'וואַרט שוין אויף מיר געשעפטליך. וויל אָבגייען, שרה'טשע פאַרהאַלט אים.

שרה'טשע:

צעלמיש. ווען קומסטו ווייטער?

דער אינוואַליד:

שטיל. כ'וועל קומען. קיינער זאָל נישט וויסען, דערפון.

שרה'טשע:

האָט נישט פאַרשטאַנען. דאָ מאַכט נישט אויס. קענסט קומען צו יעדער צייט. טרעפסט מיך שטענדיג דאָ — אָדער, ווערסט אַ ביסעל וואַרטען אויף מיר.

דער אינוואַליד:

מיט אַ געמאַכטער העפליכקייט. גוט. מאַכט אַ האַנט-צייכען פון דערווייטען. זיי געזונט.

שרה'טשע:

קוקט אים נאָך אַ לענגערע צייט, שטייט פאַרטראַכט, שלמה קומט אַריין.

זיבענטע סצענע.

שלמה — שרה׳טשע.

שלמה:

שפרייזט אויפגערעגט איבער די שטוב, הין און צוריק, שטעלט זיך אויף א ווײַלע אָב, גייט באַלד ווייטער, ער רעדט נישט אויס א וואָרט, איז שטיל און פאַרטראַכט.

שרה׳טשע:

חערט דרייסט. וואָס ביסטו אַזוי צושרויפט?

שלמה:

שווייגט.

שרה׳טשע:

מיט פייערליך אין ד׳אויגען. ס׳האָט דיר עמיצער אַנ׳עולה געטוען.

שלמה:

ניין.

שרה׳טשע:

נאָר —

שלמה:

ס׳איז גאָרנישט. נאָך א ווײַלע. אַנאָרקא איז מיך באַפאַלען, האָב איך איר געגעבען די זריקה. זי וועט מיר אַזוי שנעל שוין נישט קומען אונטער די אויגען — ציטערען פאַר מיר.

שרה׳טשע:

אין שרעק. דו האָסט זי געשלאָגען?

שלמה:

לאַכענדיג. אפשר ווילסטו דיך אָנ-נעמען פאַר איר? צמאָך מיט דער האַנט. זי קען בעסער פון דיר.

שרה׳טשע:

גיפטיג. יאָ, זי איז א גיפטיגע שלאַנג —

שלמה:

פאָכעט מיט דער האַנט אין דער לופטען. זי וועט קריגען ס׳איריגע. צוגעבענדיג. כ׳וועל אַזוי לאַנג שטומען, ביז דאָס בלוט וועט אין מיר נישט אָנהייבען צוקאָכען, און דאַמאָלס צומאָל איך זי אויף שטויב.

שרה׳טשע:

קעציש. דער הינט איז ווערט דעם שטעקען.

שלמה:

קאַלט. מ׳דאַרף אייך אַלע אראָבדרייען די קעפּ. פאַר קהל׳ס וועגען.

שרה׳טשע:

האָט א ציטער געגעבען, בלייבט שטייען ווי פאַרשטיינערט.

פ ו י ז ע.

שרה׳טשע:

גייט אוועק אין א ווינקעל, ציילט דאָרט א ווײַלע, קומט באַלד צוריק, דער-לאַנגט אים א פּאַק געלט. נאַ דיר —

שלמה:

וואָס גיסטו מיר?

שרה׳טשע:

מײַן פאַרדינסט —

שלמה:

ציילט עס שנעל איבער, פאַרשטעקט עס אין די חויזען-טאַש, פריילעך. אַזויפיל?

שרה'טשע:

שעלמיש. פון מיין געוועזענעם חתן.

שלמה:

איז ער דאָ געווען?

שרה'טשע:

יאָ.

שלמה:

האָסט אים כאָטש גוט אויפגענומען..?

שרה'טשע:

זייער גוט. נאָך אַ ווײַלע. ער וועט אָפט דאָ אַהערקומען, האָט ער געזאָגט. ער וויל דיך באַקענען, ווייל כ'האָב אים דערציילט וועגען דיר: דו ביסט מיין מאַן און אַז דו ווייסט מקלאָמפערשט פון גאָרנישט—ווען עמיצער זאָל געוואָיר ווערען דערפון, וואָלט איך געהאַט גרויס פאַרדרוס.

שלמה:

מ'מוז דעם עולם טיצען. זיי פאַרדינען אויס'ן זיכער. ביטרע. חברה מיינען, אַז בלויז פאַר אַ קליידעל קריגען מענער די נכפה: מ'מוז וויסען יענעם אָנצוציהען, כאַפען אויף דער העצקע, צונעמען אים די לעבער — אויף אַנ'איידעלען אופן— דאָס איז אַ קונץ. דאָס דאַרף מען קענען. צו שרה'טשען. דו טויגסט צו דער זאַך. דו וועסט מאַכען אַ לעבען. פלוצלינג. האָסט אים, ליב?

שרה'טשע:

האַסטיג. כ'ווייס נישט.

שלמה:

קלאַפּט איר אויף די פּלייצע. אָט, דאָס געפעלט מיר. דערזעהענדיג

ווי שרה'טשע קוקט אויף אים מיט שפּיזיגע אויגען, וויל ער פאַררייבען דעם איינדרוק. וואָס קוקסט אַזוי, אויף מיר?

שרה'טשע:

שטאָלץ. כ'וויל דערזעהען דיין מיאוס פּיסק — וואָס כ'האָב ביז יעצט נישט געקענט. לויפט שנעל ארויס.

אכטע סצענע.

שלמה—אליין.

שלמה:

רעדט צו איר, גאָר זי האָט שוין נישט דערהערט די ווערטער. אַלע גייען אַרום מיט נעז — זענען בייז. אויף וועמען? וואָרום... דערזעהט אַז קיינער איז נישטאָ, בלייבט שטייען פאַרווינדערט, גייט שטיל צום פענצטער, קוקט ארויס אויף דער גאַס. אין דער זעלבער מינוט הערט מען אַ גרויס געטומעל וואָס קומט פון דרויסען: געשרייען, ליאַרמען, אַ געפייפעריי. מ'זעהט אַ דורכלויפען פאַר'ן פענצטער אַסך מענטשען. שלמה שטייט אַ ווײַלע רוהיג, באַלד אָבער ווערט ער אויפגערעגט, פּראַלט האַסטיג אויף דאָס פענצטער, שרייט אַרויס. העי, וואָ—ס אי—ז?

קולות:

פון דער גאַס. ס'איז היימלעך אין געסעל. מ'שלאָגט כפּרות.

שלמה:

טרעגט איבער. ווער — וועמען? באַקומט נישט אַנ'ענטפער, לויפט שנעל אַרויס. די ביהנע בלייבט אַ ווײַלע ליידיג. שלמה קומט אַריין אַנ'אויפגערעגטער, טראָגענדיג אויף ביידע הענט שרה'טשען — זי זעהט אויס אַ פאַר'חלש'טע — אַנ'אָפען מויל, גרויסע שוואַרצע רעדער אונטער ד'אויגען. זי ליגט שטייף און אָהן יעדע באַוועגונג. ער לייגט זי אַנידער אויף אַ בעטעל און לויפט שנעל אַרויף אויף די טרעפּען, שלסט פעסט צו די טיר אונטער זיך, איילט שנעל צו שרה'טשען.

ניינטע סצענע.

שלמה — שרה'טשע.

שלמה:

בייגט זיך איבער צו איר, שטיל. איז דיר בעסער?

שרה'טשע:

שפרינגט אויף פון בעט מיט א שרעקליכע רציחה, פארהאלט מיט איין האנט ס'אויג. אוועק פון מיר — כ'קען דיך נישט אנקוקען.

שלמה:

אזוי גאר?

שרה'טשע:

כ'האס דיך.

שלמה:

ס'איז גוט צו וויסען. כ'וועל יעצט שוין דיך האבען אויפ'ן אויג.

שרה'טשע:

פארבינדט זיך דאס אויג מיט א טיכעל, גלייכט זיך אויס, נאך א ווייל.

כ'האב מיך אנגענומען פאר דיר, האב איך געלייזט אנ'אפשניט. גאר, כ'האב עס ערליך פארדינט.

שלמה:

שנעל. ווער האט עס דיר געטוען?

שרה'טשע:

מיט אמאל. איך וויל דיך שוין נישט קענען. היסטעריש. דו האסט מיך אבגענארט, צובראכען, אויסגענוצט ביז'ן בלוט — פארפאלען. וואס קען איך טוען? כ'בין צו שוואך א קעגען דיר. אבער, גענוג... קום אויף אנדערע הענט, און זאלען זיי מיט

ד־ך אברעכענען זיך, אויך פאר מיינע עולות. וויל גייען.

שלמה:

פארשטעלט איר דעם וועג. וואוהין?

שרה'טשע:

לאז מיך...

שלמה:

כ'מוז וויסען —

שרה'טשע:

מיט בלאנדזשענדיגע אויגען. ווער ביסטו?

שלמה:

דו ליגסט אין מיין האנט.

שרה'טשע:

בלייבט שטייען ווי א צומישטע, קוקט מיט דערשראקענע אויגען ארום זיך.

שלמה:

לאכט ציניש.

פויזע.

שרה'טשע:

מיט א וויי-געשריי. כ'וויל ארויס פון דעם זומפ —

שלמה:

שווייגט.

שרה'טשע:

אין עקסטאז. כ'וויל לעבען פאר מיר, נישט זיין א שטום ..קצייג אין די הענט פון בלוטזויגערס, וואס פארקויפען מיך. ..עכער, כ'וויל זיין פריי... אליין...

שלמה:

וויזט מיט דער האנט אויף דער טיר.

שרה'טשע:

לויפט שנעל צו, דערזעהט אז זי איז פארשלאָסען, מיט א היסטערישען אויסגעשריי. עפען אויף.

שלמה:

און אַז נישט...

שרה'טשע:

הילד. וועל איך זי אויפברעכען.

שלמה:

באַפוילעריש. טו עס.

שרה'טשע:

מיט די לעצטע כוחות. לאָז מיך אַרויס פון דאַנען — צו א פריי לעבען.

שלמה:

לויפט צו איר מיט דער גרעסטער רציחה, שלעפט זי אַראָב האַסטיג, מורמעלט. נאַ דיר, די פאַרשאָלטענע פרייהייט. ווארפט זי אַנידער אויף דר'ערד, דערלאַנגט איר עטליכע שטארקע קלעפּ. שרה'טשע וועהרט זיך א ווײלע שוואך, פאַלט אין ווײנט יאָמערליך. שלמה קוקט מיט צופרידענקייט און לאַכט שטילערהייט פון איר.

פ ו י ז ע.

מ'קלאַפּט שטארק אין טיר.

שלמה:

דערשראָקען. ווער איז?

אנאָרקאַ:

פון יענער זייט טיר. עפען אויף.

שלמה:

שרייט ארויס. אַביסעל שפּעטער — איך בין יעצט פאַרנומען מיט אַ שטיקעל אַרבעט.

אנאָרקאַ:

באַפוילעריש. די מינוט עפען אויף.

שלמה:

שנעל. שוין, באַלד. ווערט צומישט, ווייס נישט וואָס צו טוען.

אנאָרקאַ:

גיט עטליכע שטארקע שטויס פון יענער זייט, די טיר פּראַלט אויף, אנאָר-קא שטייט אויף דער שוועל, אונטער איר א גאַנצע חברה, יונגען און נקבות, וואָס רינגלען זי ארום פון אלע זייטען. אנאָרקא גייט פאָראויס — אלע טרעטען פאַר איר אָב דעם וועג.

שלמה:

שטייט ווי פארשטיינערט, קוקט אויף אלץ מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, ווי' ער וואָלט נישט פארשטאַנען וואָס קומט פויר ארום אים.

צענטע סצענע.

אנאָרקאַ — שלמה.

אנאָרקאַ:

אריינקומענדיג, רעדט צו'אָב צו אים, פול מיט גאַל. כ'בין געקומען מיך אָברעכענען מיט דיר. ווייזט אויף זי'.

שלמה:

שטאַמעלט. אָבער —

אנאָרקאַ:

צולאַכט זיך הויך אויפ'ן קול. כאַ—כאַ—כאַ! וויל דיך נישט פאַרענטפערען. פּלוצלינג. ריר דיך נישט צו צו מ'ר, ווייל דו קענסט נאָך נישט מיינע נעגעל: כ'בין יעצט אַ גיפטיגע שלאַנג—

שלמה:

בצרימעריש. ווער האָט מורא פאַר דיר? וויל זיך ווארפען אויף

איר אין דער גרעסטער רציחה, זי שטייט רוהיג, האָט אפילו נישט אַ ציטער געגעבען.

אַנאָרקאַ:

דונערדיג. קניען מוזטו יעצט פאַר מיר. מיט אמאָל. כ'וויל דיין בלוט זעהען, דו זאָלסט דיך קאָרטשען און וויינען, און אַזוי אויסהויכען דיין נשמה — דאָס וויל איך. מאכט עטליכע טריט צו אים.

שלמה:

ווילד. דאָס וועלען מיר זעהען. לויפט צו איר, ווי אַ צורייצטע חיה, אנאָרקאַ ציהט עפעס ארויס שנעל פון דער שייד, ס'גיט אַ בליאסק אים פאַר ד'אויגען, ער ווערט דערציטערט און גיט פלוצלינג אַ הילכיגען אויסגעשריי. אַ—אַ!

אַנאָרקאַ:

באווייזט אַ שטילעט וואָס זי האלט אין דער האנט, גלייך אויסגעשטרעקט פאַר זיין ברוסט. אַוועק. נאָך אַ ווייל'ע. וואָס האָסטו דיך אַזוי דערשראָקען פאַר מיר? כאַ—כאַ—כאַ! דו ווייסט דאָך, אַז כ'האָב דיך ליב — וועל איך דיר שלעכטס טוען? כ'האָב אַזויפיל געליטען צוליב דיר — און יעצט גאָר, וועל איך דיך הרג'נען..? כ'וועל דיר אַלץ פאַרגעבען — נאָר האָב מיך ליב... כאַ—כאַ—כאַ! פלוצלינג כ'בין יעצט אַ בלוטדורשטיגע חיה! כ'וועל דיך אויסזויגען און שפעטער ווארפען פאַר די הינט — דאָס וועט זיין מיין צופרידענשטעלונג! מיין נקמה! העכער. וואָס ציטערסטו אַזוי פאַר מיר? קענסט דאָך דיך ווערען, אַ קעגענשטעלען מיר — כ'וויל הערען דיין שפראַך, אָבחתמנען אין מיינע אַפּלען דעם לעצטען אָבשיין פון דיינע אויגען... דו שווייגסט? רעד אַ וואָרט, אַז נישט... הייבט אויף דאָס מעסער איבער זיין קאָפּ,

שלמה:

מיט געבעט. האָב רחמנות אויף מיר.

אַנאָרקאַ:

און דו — האָסט עס געטוען? מיט אַ ווייי-געשריי. האַסט מיך געטריבען אין מיין שאַנד, כ'האָב מיך געמוזט פאַרקויפען — אַלץ צוליב דיר...

שלמה:

שטאמעלט. כ'וועל שוין נישט.

אַנאָרקאַ:

קראַמפּירענדיג. שווייג! מיין לעבען האָב איך שוין פאַרשפילט.

שלמה:

ווי אין פיבער. לאָז מיך פריי...

אַנאָרקאַ:

ברעכט אויס אין אַ היסטערישן געלעכטער. כאַ—כאַ—כאַ! דו ווילסט זיין פריי? כאַ—כאַ—כאַ! דו וועסט באַלד פוילען אין קיטש! אויסרופענדיג. בענדיגט אים!

ס'ווערט אַ באַוועגונג. חברה ווילען אים ארומרינגלען, שלמה שלאָגט אַלע אָב, ס'ברעכט אויס אַ שטארק געשלעג. עמיצער האָט ארויסגעכאפּט אַ מעסער, אַלע קוקען זיך שטום איבער, ס'דויערט אַ ווייל'ע, מיטאמאָל וואקסען זיי אויס אין געשלעג און מ'הייבט אָן צוגייען אויף מעסערס. פון שלמה'ס האנט פאלט איינער אַ צובלוטיגטער אויף דר'ערד — אין דער אייגענער צייט הערט מען אויף דער גאס אַ געפייפערייי, נאָך אַ ווייל'ע, לויפען אריין עטליכע וואָלע-יונגען צוזאמען מיט פּאָליציי, זיי מאכען באַלד אָרדענונג, ליקווידירען ס'געשלעג, בינדען שלמה'ן, שלעפּען אים ארויס און דערלאנגען אים אויפ'ן וועג עטליכע שטארקע קלעפּ — אַלע קוקען נאָך צופרידענע, בלייבען שטייען ווי פארשטיינערט.

פ ו י ר ה אַ נ ג.

דריטער אקט

די דעקאָראַציע וואָס אין ערשטען אַקט.

אויף דער גאַס איז פינצטער, די לאַמטערען זענען פאַרלאָשען. דאָ און דאָרט לייכט ארויס אַ פּאַס־ליכט פון אַ פענצטער אָדער אַ צוגעמאַכטען טויער.

אין דעם הויז וואו די נקבות וואוינען איז אָפען דאָס טויער — אינווייניג ברענט אַ לאָמפּ—פון דאָרט שלאָגט ארויס אַ העל־ליכטיגקייט וואָס באַלייכט אַ קליינעם שטח אין דער ארומיגער פינצטערניש.

די גאַס איז ליידיג. דאָ און דאָרט לויפען שנעל אַ דורך פאַרשפּעטיגטע פאַרבייגייער, קוקען זיך ארום מיט חשד־בליקען, פאַרשווינדען. פאַר אַ הויז אויף די טרעפּען זיצען עטליכע נקבות און זענען פאַרטוען אין אַ שמועס. זיי שושקען עפּעס אין דער שטיל, ווי זיי האַלטען גערעדט אַ סוד. קורצע פּויזע.

ערשטע סצענע.

נקבות — די אַלטע.

ערשטע:

הערט דרייסט, רעדט אַ ביסעל העכער. מיר האָבען דאָ שטענדיג פרישע נייס: שלמה'ן האָט מען איינגעקוועטשט אין יושב בסתר אַריין און שרה'טשע איז אַוועק פון דאַנען, מ'ווייסט נישט ווי איר געביין איז אַהינגעקומען —

צווייטע:

שלאָגט איר איבער. מ'ווייס ווי זי איז. אונזערע נקבות זאָגען, אַז זיי האָבען זי געזעהען... גערעדט מיט איר...

אַלע:

רינגלען זי ארום, מיט אַמאָל. ווי איז זי?

צווייטע:

מיט אַ סוד. באַ איר מאַן.

ערשטע:

נייגעריג. זי האָט שוין געשטעלט אַ חופּה מיט אים?

צווייטע:

ניין. נאָך אַ ווײַלע. דערווייל איז זי באַ אים אין הויז, ער איז זייער רייך: זי וואָינט ווי אַ גרעפין, מיט צוויי קאַמערדינער באַ דער טיר, אין אַנ'אייגענעם פּאַלאַץ — זי פאַרברענגט יעצט אַ לעבען, אויף אונז אַלע גאָר אינגיכען געזאָגט געוואָרען. מיט פאַרווינדערונג. האַ, וואָס זאָגט איר דערצו?

ערשטע:

ערענסט. די נקבה האָט געשפּילט די מערכה.

דריטע:

שארף. זי האָט געפּאַקט אַ פריייער, נוצט זי אים אויס. כאַ—כאַ—כאַ! לאַכט ציניש.

פערטע:

אַ מאַך מיט דער האַנט. ער וועט שנעל אָנזעטיגען זיך מיט איר, זי וועט אים דערעסען ווערען און דערנאָך שיקט ער זי אויף דער פריי; זי קען נאָך האָבען גאָר אַ ביטערען סוף... אַ שאָד, אַזאַ נקבה.

ערשטע:

אויפגעלעבט. כ׳האָב געקענט נקבות, אַז זיי איז געקומען אַזאַ העכט אין יד אַריין, האָבען זיי לאַנג נישט געשפּילט זיך מיט אים, דערגאַנגען די יאָרען. נאָך אַ ווײַלע. דערווייל האָבען זיי געזעהען זיך צוקאָפּענס, אָנגעזאַמעלט טייערע בריליאַנטען, טייל גאָר הייזער און שפּעטער געגאַנגען פּליטה. — צוגעבענדיג. יעצט זענען זיי רייך, לעבען ברייט און שטעלען אַרויס די וועלט אַ פייג: זיי שפּילען אַ ראָל פון אָנשטענדיגע פרויען, האָבען זייערע מענטשען און קומען אין די שענסטע הייזער — מ׳האָט שוין פאַרגעסען דייערע אַלטע חטאָים... פאַר דעם גאָלדענעם קאַלב בוקט זיך יעדער. אמת, ס׳איז אַזוי? רופט אויס. אָ, ווען זי פרעגט מיך.

צווייטע:

פאַלט איר אַריין אין די רייד. זי האָט דעם ריכטיגען יאָלד און לעבט אַ גוטען טאָג... אָבער, מיר —

דריטע:

שטיל. מיר לעבען...

צווייטע:

שארף. ווי אַזוי?

ערשטע:

ערענסט. ווי די מייז. ווי די ווערים אַזוי קריכען מיר אַרום. פון דעם מיסט וואָס אַנדערע וואַרפען אַוועק, דאָס קלויבען מיר אויף—אַזוי לעבען מיר...

אַלע:

קוקען זיך איבער מיט דערשראָקענע אויגען.

שַׁ ווַ ײַ ג ע ן.

דריטע:

רייסט איבער די שטילקייט. כ׳בין זיכער, אַז כ׳וועל נאָך טרעפען אַ מענטש וואָס וועט אומקוקען זיך אויף מיר, און מאַכען אַ לעבען מיט אים

ערשטע:

שפּאָטיש. דו?

דריטע:

יאָ — איך.

אַלע:

לאַכען.

די אַלטע:

קריכט אונטער שטיל צו זיי, קוקט אַ ווײַלע אויף אַלע מיט שפּיזיגע אויגען, שעפּטשעט. איר זענט באַזשאַמט. — ערענסט. האָבען אַ היים, אַ מאַן, דאָס אַלץ קענען פאַרגינען זיך די דאַמען פון די אויבער-שטע שטאָקען. אָבער, מיר..? העכער. אַ נקבה וואָס גייט אַרויס אויס׳ן פאַרדינסט, מוז האָבען אַנ׳אויסגעברענט האַרץ — נאַר

זוכען פרנסה און ווייטער גאָרנישט. וועגען זיך אַליין טאָר זי נישט טראַכטען — אז נישט, איז זי פאַרשפּילט... וועט זי קיינמאָל נישט אַרויס פון דעם זומפּ. *ווײל אָבגײען. שטליכט נקבות פארהאַלטען זי אויפ'ן וועג.*

ערשטע:

כישרע. פון וואַנען קענט איר זיי? איר זענט דאָך שיין אַנ'אַלטע נקבה. *קוקט אויף איר שפּאָטיש.*

די אַלטע:

מיט א ווינק. אָי, קען איך זיי גוט. כ'וואָלט זיי נישט דערקענט אין מיין לעבען. וואָלט מיר אַסך גלייכער געווען. פאַרשפּאַרט אזוי אויסצוזעהען... *האקט אָב.*

ערשטע:

אין דער וועלט אריין. די נאַכט איז שוין באַלד אַריבער. ס'וועט נאָך קומען צוקריכען עפּעס אַ שלעפּער. האַ? *ווארט אויף צוגעגנטפער.*

צווייטע:

גלייכציישיג. דערציייל, וועלען מיר הערען.

די אַלטע:

נאָך א וויילע. כ'בין אַמאָל געווען יונג, שיין, נישט ווי היינט. יונגען האָבען געקריגען די נכפּה פאַר מיר, געשאַרט זיך צו מיר, געוואָרפען אויגען — כ'האָב זיי אַלע אָבגעשלאָגען, געשיקט זיי אַוועק פון מיר. *העכער.* כ'בין דאַמאָלס געווען אַ נקבה, אַ ברען, אז כ'בין אַרויס אויפ'ן פאַרדינסט האָב איך מיטגעשלעפּט וועמען כ'האָב נאָר געוואָלט. די שענסטע הער'ן זענען געלאָפען אויף מיר, ווי נאָך אַ הייס געבראָטענס. כ'האָב אָנגעמאַכט אַ טומעל אין דער גאַס מיט מיין אָנקומען. יעדער האָט געריסען זיך איבער מיר: אַלע יונגען האָבען געוואָלט מיך

אַריינעמען אין זיין הייזעל אַריין, כדי כ'זאָל אים באַשיינען זיינע נקבות...

ערשטע:

מיט א ווינק. פאַר אַ שיינע נקבה געבען מענער אַלץ אוועק.

צווייטע:

בייז. שטער איר נישט.

די אַלטע:

צופרידען. דערווייל האָט מיך דער שוואַרצער יונה זשאַבע מיטגענומען אין דער וועלט אַריין, כ'בין אריבער נאָך בוינע און פאַרלייגט אַ געשעפט. מיר האָבען געשאַרט הויפענס מיט גאָלט, געמאַכט די גראָבע זשמעניע. אָבגעטאַנצט דאָרט אַ צייט, בין איך געפאָרען ווייטער. ווי בין איך אַלץ נישט געווען? אין קאַירא, אַלזשיר, פאַריז, האַמבורג און אַסך אַנדערע גרויסע שטעט — כ'האָב אַלע פאַרדינט אויפ'ן זיכער. *אין עקסטאז.* איר האָט געדאַרפט אָנקוקען מיינע טייערע זאַכען און קליידער. דער קאָרב מיינער איז שטענדיג פול געווען מיט אַל'דאָס גוטס: איך אַליין בין געווען אויסגעפוצט אין זייד און סאַמעט, אויף אַלע פינגער בריליאַנטען און טייערע שטיינער — כ'האָב אויסגעזעהען ווי אַ גרעפין... וואָס האָט מיר געפעהלט? כ'האָב מיר געהאַט אָבגעלייגט געלט אין די בענק. כ'בין שטענדיג געווען לוסטיג, געהוליעט און געלעבט אויף וואָס די וועלט שטייט... כ'האָב געלאַכט פון דער גאַנצער וועלט — —

צווייטע:

כ'האָב געמיינט, אז זי איז געווען שטענדיג אַזאַ שלעפּערקע ווי איצט, און ס'איז גאָר פאַרקערט. *צו איר.* דערציייל ווייטער, דערציייל.

די אַלטע:

(נעבראָכען.) כ'בין געפאַלען אין אויג אַריין דעם בלינדען וואָלף קוליע. ער איז צוגעשטאַנען צו מיר, אַז ר'וויל מיט מיר גייען צום רב און מיך נעמען פאַר זיין ווייב—כ'האָב מיך אויסגעלאַכט פון אים; דער יונג איז אָבער נישט אָבגע־טרעטען, מיר כסדר אונטערגעקומען און דערקוטשעט די יאָרען, ביז אַזוי לאַנג: כ'האָב באַשטאַנען... (זיפצט.) כ'האָב אָבגעהוליעט מיט אים אַ קורצע צייט, דער יונג האָט מיך אַריינגעקריגען פעסט אין זיינע לאַפעס אַריין, מיר צוגענומען אַלץ וואָס כ'האָב געהאַט – און כ'האָב שפעטער געמיינט רייך אַז כ'וועט זיינע פטור: ווייל פאָליציי האָט מיך געוואָלט איינקוועטשען פאַר זיינע קאָמבינאַטאָרישע און אַפעריסטישע שטיק. כ'בין קום אַרויס מיט'ן לעבען. (שטילער.) שפעטער בין איך קראַנק געוואָרען און אָבגעלעגען אַ לאַנגע צייט. אַז כ'בין אַרויס אויף דער פריי, בין איך שוין נישט געווען די וואָס אַמאָל. כ'האָב מיך שטאַרק גע־ענדערט, אַזוי האָט מיך דאָס אַלץ אויסגעמאַטערט...

ערשטע:

(וי פאַר זיך.) יעדע נקבה האָט דעם זעלבען סוף. גליקען, גליקען — דערווייל פאַלט עפעס אַדראַב איבער איר און נעמט אַלץ צו וואָס ד'האָט אָבגעשפאָרט פאַר זיך, מאַכט פון איר אַ תל.

די אַלטע:

(נאָך אַ ווײַלע.) כ'האָב מיך נאָך עטליכע מאָל אָבגעבריט אין מיין לעבען, און כ'האָב מיר געזאָגט—גענוג... (צוגעבענדיג.) שפעטער האָב איך שוין קיינעם נישט געוואָלט טרויען. כ'בין אַנטלאָפען פון מענטשען. כ'האָב פאַר זיי מורא געקריגען, אַזוי ביז'ן

הײנטיגען טאָג. כ'לעב אַליין... כ'לאָז איבער די וועלט פאַר אַנדערע... כ'לעב נאָר מיט מיר... אַליין מיט זיך... (אויסרופענדיג.) יעצט אַז כ'גיי אין גאַס אַרויס, כאַפ מיר אַ פאַרדינסט איז שוין גוט: כ'לעב שטיל, קלייד מיך פראָסט און כ'באַהאַלט אַ גראָשען אויפ'ן שוואַרצען טאָג. טיילמאָל מאַך איך אַ כוסה — און גענוג. וואָס ברויך דער מענטש מעהר אויף דער וועלט? לעבען, און האָבען כח צו שלעפען די צרות... כי—כי—כי! (לאַכט ציניש, כיכיקעט שטיל אַרויסגייענדיג אונטערוויילעכטס, ביז זי פאַרשווינט.)

פויזע.

(שלמה און די דינסט קומען אָן, די נקבות דריקען זיך אַלע צוזאַמען דער־שראָקענע בא זיין אַריינקומען, טייל מאַכען זיך גרייט אוועקצוגייען.)

ערשטע:

(אין שרעק.) ער איז שוין ווייטער דאָ.

צווייטע:

(פאַרווינדערט.) ווער —

אַלע:

(בלייבען אַ ווײַלע שטייען ווי פאַרשטיינערט, די נקבות גייען שטיל אָב.)

צווייטע סצענע.

שלמה — דינסט.

שלמה:

(אין עק־גאַס, צו איר.) ביז אַהער קענסטו מיך באַלייטען.

דינסט:

(נאַיוו.) און ווייטער —

שלמה:

(נישט.)

דינסט:

פאַרוואָס?

שלמה:

כ'דאַרף מיך מיט עמיצען דאָ טרעפען.

דינסט:

קינדיש. שטער איך דיר —

שלמה:

יאָ.

דינסט:

האָסט סודות פאַר מיר.

שלמה:

שווייגט.

דינסט:

תמעוואַטע. ביסט אַזאַ שלעכטער? און איך האָב עס גאָר־
נישט געוויסט.

שלמה:

ביסט אַ נאַר.

דינסט:

האָט נישט פארשטאַנען. פאַרוואָס?

שלמה:

הער מיר אויף צו דולען דעם קאָפּ מיט דיינע נאַריש־
קייטען. באַפוילעריש. גיי און לאָז מיך צורוה!

דינסט:

מיט געבעט. כ'וויל נאָך אַ ביסעל זיין מיט דיר. פאַרוואָס
שטערסטו מיר אין מיין פאַרגעניגען — דו לאָזט מיך שטענדיג

איבער איינע אַליין, קומסט גאָרנישט אַרויף צו מיר... כ'ווייס
קיינמאָל נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט כ'בין...

שלמה:

אַזוי קומט עס. מיט אַ ווינק. נאָך דער חתונה וועלען
מיר שטענדיג צוזאַמען זיין. דאַמאָלס וועט זיין דיין
צייט.

דינסט:

מיט צושטראַלטע אויגען. מיינסט עס טאַקע ערענסט?

שלמה:

ווי דו פאַרשטייסט.

דינסט:

נאַיוו. כ'גלייב דיר —

שלמה:

איז דאָך גוט.

ביידע:

לאַכען צופרידען.

פויזע.

דינסט:

מיט ליכטיגע אויגען. איך און דו זענען מיר איינס —

שלמה:

דו רעדסט דיר איין.

דינסט:

בייז. רייץ דיך נישט מיט מיר, ווייל...

שלמה:

דו לעבסט אין טעות.

דינסט:

פאַרוואָס?

שלמה:

כ׳דאַרף מיך מיט עמיצען דאָ טרעפען.

דינסט:

קינדיש. שטער איך דיר —

שלמה:

יאָ.

דינסט:

האָסט סודות פאַר מיר.

שלמה:

שווייגט.

דינסט:

תמעוואטע. ביסט אַזאַ שלעכטער? און איך האָב עס גאָר־ נישט געוויסט.

שלמה:

ביסט אַ נאַר.

דינסט:

האָט נישט פארשטאנען. פאַרוואָס?

שלמה:

הער מיר אויף צו דולען דעם קאָפּ מיט דיינע נאַרישקייטען. באפוילעריש. גיי און לאָז מיך צורוה!

דינסט:

מיט געבעט. כ׳וויל נאָך אַ ביסעל זיין מיט דיר. פאַרוואָס שטערסטו מיר אין מיין פאַרגעניגען — דו לאָזט מיך שטענדיג

איבער איינע אַליין, קומסט גאָרנישט אַרויף צו מיר... כ׳ווייס קיינמאָל נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט כ׳בין...

שלמה:

אַזוי קומט עס. מיט א ווינק. נאָך דער חתונה וועלען מיר שטענדיג צוזאַמען זיין. דאַמאָלס וועט זיין דיין צייט.

דינסט:

מיט צושטראַלטע אויגען. מיינסט עס טאַקע ערענסט?

שלמה:

ווי דו פאַרשטייסט.

דינסט:

נאַיוו. כ׳גלייב דיר —

שלמה:

איז דאָך גוט.

ביידע:

לאַכען צופרידען.

פויזע.

דינסט:

מיט ליכטיגע אויגען. איך און דו זענען מיר איינס —

שלמה:

דו רעדסט דיר איין.

דינסט:

בייז. רייץ דיך נישט מיט מיר. ווייל...

שלמה:

דו לעבסט אין טעות.

דינסט:

מיט בלאָנדזשענדיגע אויגען. פאַרוואָס?

שלמה:

מיט אמאָל. ווייל, כ׳בין אַ ציגיינער, דאָרט וואו ס׳איז מיר באַקוועם, דאָ פאַרבלייב איך: דערשפיר אָבער די לאַנגווייליגקייט וואָס קומט אָן, רייס איך אויס און בין באַלד דאָרט ווי דער נייער ווינט בלאָזט... *צוגעבענדיג.* דערווייל איז מיר מיט דיר גוט, בין איך דיינער. כ׳ווייס אָבער נישט, וואָס דער מאָרגען קען ברענגען און כ׳זאָל דיך מוזען פאַרלאָזען.

דינסט:

אויפגעלעבט. וועלך שטענדיג דיך צופרידענשטעלען, דיר נאָכקומען אין אַלץ, דיך היטען ווי ס׳שוואַרצע אַפעל פון אויג: כדי דו זאָלסט בלייבען אייף אייביג מיינער.

שלמה:

שפּאָטיש. קענסט מאַכען כשוף? צובינדען צו דיר אַ מאַן אַזוי, ר׳זאָל דיר נאָכגייען ווי אַ שאָטען..?

דינסט:

שווייגט.

שלמה:

ווי פריהער. הער, דו ביזט שוין נישט די ערשטע באַ מיר: כ׳האָב שוין אַסך געשיקט לופטערען. אין אָנהייב זענען זיי געווען שטאַרק זיכער באַ זיך ווי דו יעצט, און אַלע האָבען געבראָכען די קעפּ...

דינסט:

וועל איך זיין די לעצטע.

פ ו י ז ע.

דינסט:

שטייט אַ ווייל פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט פלוצלינג באַפאַלען געוואָרען פון שרעק, כאַפּט זי אַרויס שנעל אַ פּעקעלע פון בוזים, גיט עס אים מיט ציטעריגע הענט, אויסרופענדיג. באַהאַלט עס שנעלער, מ׳זאָל נישט דערזעהען.

שלמה:

האָט עס בליץ־שנעל פאַרשטעקט, נעמט אָן אַ זיכערע פּאָזע, רוהיג. ס׳האָט געכאַפּט אַ שליקערץ?

דינסט:

ניין.

שלמה:

ווי זעהט עס אויס?

דינסט:

מיט אַ ווינק. אַ פעטער ביסען.

שלמה:

האַלט איך פון דיר.

דינסט:

נאָך אַ ווייל. אויב מ׳וועט מיך נעמען אויפ׳ן פאַרהער, וואָס טוט מען?

שלמה:

נעסקים. *פעסט.* אַז מ׳האָט דיך נישט געכאַפּט באַ דער האַנט, פייפסטו אָן אַלע אַ וואַלך. *צוגעבענדיג.* כ׳פאַרלאָז מיך אויף דיר —

דינסט:

אין שרעק. כ׳האָב מורא יעצט שוין אַהיימצוגייען: מ׳זוכט מיך אודאי דאָרט אין אַלע ווינקעלעך. *העכער.* קום, וועסטו מיך אונטערפירען אַ שטיקעל וועג, וועט מיר זיין כאָטש אַ ביסעל

פרײלעכער. װעל׳ך פאַרגעסען פון די צרות, װאָס װאַרטען אויף מיר באַלד.

שלמה:

גוט. ביידע גייען אָב הויך רעדענדיג צווישען זיך, שלמה פירט זי געאָרעמט, פאַרשווינדען.

שרה׳טשע:

קומט אָן, גלייכצייטיג זענען אָנגעקומען עטליכע נקבות פון זייטען־געסעל, באַלד ווי זיי האָבען זי דערזעהען, ווערט שרה׳טשע ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען, זיי קוקען אַ ווײלע אויף איר מיט שטומע בליקען, קורצע פויזע.

דריטע סצענע.

שרה׳טשע — נקבות.

איינע:

רופט אויס. אַ שרה׳טשע —

שרה׳טשע:

גוטמוטיג. וואָס מאַכט איר?

אַלע:

שווייגען.

שרה׳טשע:

צו זיי. איר פאַרדינט כאָטש אַלע..?

איינע:

גיפטיג. וואָס נאָך האָבען מיר —

שרה׳טשע:

ווי פריהער. אַנאָרקאָ איז נאָך דאָ און שלמה איז שוין אויף דער פריי?

איינע:

זיי זענען דאָ.

ש וו יי ג ע ן.

צווייטע:

באַקוקט זי אַ ווײלע, צו איר. דו האָסט דיך כמעט גאָרנישט געענדערט: זעהסט אויס פונקט ווי אַמאָל.

שרה׳טשע:

סאַרקאַסטיש. וואָס האָט איר געוואָלט, הערנער זאָלען מיר זיין אויסגעוואַקסען אויפ׳ן קאָפּ? לאַכט שטיל.

צווייטע:

ווי פריהער. אָבער, אין אַזאַ גוטס —

שרה׳טשע:

גיט אַ מאַך מיט דער האַנט.

איינע:

אָן אַ זייט צו־איר, הויך אויפ׳ן קול. כ׳וויל דיר עפּעס זאָגען.

שרה׳טשע:

כ׳בין שוין נייגעריג. ביידע רעדען אַ ווײלע עפּעס אין דער שטיל, שושקען זיך דערבאַ ווי ס׳וואָלט געווען אַ גרויסער סוד. אַלע ארום זענען געשפּאַנט, טייל ווילען בגנבה עפּעס דערגייען. קורצע פויזע.

שרה׳טשע:

דו האָסט אַ טעות, מיין קינד. אין עקסטאַז. יאָ, כ׳בין פאַר־ליבט. כ׳ליב אים מיט דער גאַנצער קראַפט פון מיין נשמה. ערשט יעצט פיהל איך אים אינגאַנצען: ער איז אין אַלץ, די גאַנצע וועלט אין אים; זי פאַרשווינדט פאַר מיר ווען כ׳קוק נאָר אויף אים... כ׳בין אין די העכסטע הימלען מיט אים און

קיינער נישט מיט אונז — מיר ביידע אַליין... רופט אויס. כ'ליב און ווער געליבט — — ווער איז צו מיר גלייך..? לאַכט היסטעריש.

אײנע :

מיט חשד. כ'האָב מורא, זי איז נישט נאָרמאַל.

שרה'טשע :

ווערט פּלוצלינג ערענסט, פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, רעדט ווי צו זיך אַליין. אפשר, וועט עס לאַנג נישט אָנהאַלטען, שנעל פאַרגייען, מיר וועלען ביידע אויסניכטערען זיך אין זעהען אַז ס'איז געווען נאָר אַ שיינער חלום... וואָס ווילט איר? מיט שטראַלענדיגע אויגען. כ'בין פאַרליבט אין אים, ביז שגעון. כ'פאַרגעטער זיין געשטאַלט. ער איז מיין גאָט און איך קני לײדענשאַפטליך פאַר אים... פאַלט אויף די קניען, אַלע מורמלען פאַרווּנדערט, טייל לויפען צו איר, ווילען זי אויפהייבען, אָבער זי שטופּט זיי אַלע אָב פון זיך, אויסרופענדיג מיט אַ הויך קול. אַוועק פון מיר! רירט מיך נישט אָן! כ'בין אַ הייליגע — —

צווייטע :

אין שרעק. וואָס איז מיט דיר געשעהען? דאָס רעדט — דו? דו..?

שרה'טשע :

שפּרינגט אויף ווי אַ צווייטע חיה. יאָ איך, אייער אַמאָליגע חבר'טע. די וואָס האָט צוזאַמען מיט אייך אַרומגעבלאָנקעט זיך איבער די גאַסען: געשמיסען געוואָרען פון רעגען, געפרירט אין די קעלט; די וואָס האָט מיטגעמאַכט אייער לעבען. כ'בין געווען אַ געפאַלענע... רופט אויס. כ'בין אָבער צופרידען

וואָס מיר איז געלונגען צו ווערען אַן'אַנדערע — נישט ווי איר אַלע דאָ, וואָס איר קענט מיך נישט פאַרשטייען. לאַכט היסטעריש.

אַלע :

קוקען זיך איבער דערשראָקענע.

פ ו י ז ע .

אַנאָרקאַ קומט אָן.

פערטע סצענע.

די פריהעריגע — אַנאָרקאַ.

שרה'טשע :

אַנאָרקאַ.

אַנאָרקאַ :

אָבשטעלענדיג זיך. וואָס איז.

שרה'טשע :

גוטמוטיג. צי האָב איך דיר עפּעס שלעכטס געטוען? וואָס דו קוקסט אַזוי בייז אויף מיר —

אַנאָרקאַ :

כ'קען דיך נישטמעהר און דאָס איז אַלץ.

שרה'טשע :

שעלמיש. אַזוי גאָר. וואָס שטייט דיר נישט אָן, מיין יחוס.

אַנאָרקאַ :

אַ פליעסק געבענדיג מיט ד'הענט, איבעראַשט. זעה נאָר, ד'האָסט דיך אויסגעסטראָצעלט ווי אַ מאַדאַם...

שרה'טשע :

רוהיג. איז שלעכט.

אנאָרקאַ:

ס'מעסט דיר נישט צו דיין פּנים.

שרה'טשע:

טאַקע? *איראָניש.* דעסטוועגן האָב איך געמאַכט אַ בעסערע קאַריערע אין מיין לעבען, ווי דו —

אנאָרקאַ:

ווייל איז דיר. *נאָך אַ ווײַלע.* ס'איז אָבער נישט אויף לאַנג.

שרה'טשע:

פאַרוואָס?

אנאָרקאַ:

אַז ער וועט דיך אַוועקוואַרפן, קומסטו צוריק דאָ אַהער.

שרה'טשע:

ביסט זיכער אין דעם.

אנאָרקאַ:

יאָ. *מיט שנאה.* פון וואַנען האָסטו די חוצפּה, צו וועלען גאָר גרייכען אַזוי הויך: זיצסט אין די הויכע פענצטער; פאַרברענגסט מיט די בעסטע מענטשען... ווי קומסטו צו זיי? *באַפוילעריש.* דיין אָרט איז דאָ —

שרה'טשע:

אויפגעלייגט. און אַז כ'וויל נישט דאָ פאַרבלייבען.

אנאָרקאַ:

דונערדיג. וועסטו פאַלען.

שרה'טשע:

פאַרטראַכט. אפשר... ווער ווייס... *פּלוצלינג.* דערווייל, איז מיר גוט. כ'וויל נישט וויסען, וואָס ס'וועט זיין. *אנאָרקאַ האָט נישט דערהערט אירע לעצטע ווערטער, ווייל זי איז אַ ווײַלע פריהער שנעל אַנטלאָפען, שרה'טשע בלייבט שטייען טיף פאַרטראַכט, קורצע פויזע.*

שלמה:

קומט אָן, די נקבות בא זיין אָנקומען ווערען ווי צומישטע, הייבען אָן ביסלעכווייז צוועקצוגייען, ביז זיי פאַרשווינדען אַלע.

פינעפטע סצענע.

שרה'טשע — שלמה.

שלמה:

דערזעהט זי, רופט אויס פרייערליך. אַ, שרה'טשע, ווי קומסטו עפּעס גאָר, דאָ אַהער?

שרה'טשע:

ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף. וואָס —

שלמה:

ס'פּאַסט דיר נישט צו ענטפערען. *בייסיג.* אודאי, אַז מ'קומט אַריין אין די פּעדערען, פאַרגעסט מען די אַמאָליגע גוטע ברידער, מ'וויל זיי שוין נישט געדענקען.

שרה'טשע:

איז וואָס? דו האָסט עס פאַרדינט.

שלמה:

ווילסטו יעצט דיך אָברעכענען מיט מיר? *מיט אַ ווינק.* דו טראָגסט אַ בייז האַרץ אויף מיר, וואָרום כ'האָב אַמאָל דיר אַנ'עולה געטוען.

שרה'טשע:

וואָס אַמאָל איז געווען, האָב איך שוין לאַנג פאַרגעסען. *העכער.* כ'דערלויב נישט דערוועגען, צו רעדען מיט מיר; דו הערסט, צו נישט..? *קוקט אויף אים מיט שפּיזיגע אויגען.*

שלמה:

אזוי גאָר —

שרה׳טשע:

יאָ.

שלמה:

נאָך אַ ווײַלע. וואָס הערט זיך עפּעס בײַ דיר. וואָס מאַכסטו. ווי גייט עס דיר?

שרה׳טשע:

שאַרף. דאָס אינטערעסירט דיך נישט.

שלמה:

באַקוקט זי. דו זעהסט אויס, שיין —

שרה׳טשע:

שווייגט.

פּויזע.

שלמה:

מיט אַמאָל. שרה׳טשע, גוט וואָס דו ביסט דאָ אַהערגעקומען.

שרה׳טשע:

האַסטיג. וואָס איז?

שלמה:

כ׳האָב דיך געוואָלט זעהען...

שרה׳טשע:

קוקט אויף אים פאַרווינדערט. ?

שלמה:

נישט דרייסט. כ׳האָב חרטה —

שרה׳טשע:

אויף וואָס?

שלמה:

ווי פריהער. כ׳האָב נישט געבראַויכט דיך אַרויסלאָזען פון מיין האַנט, באַפרייען אינגאַנצען...

שרה׳טשע:

שעלמיש. נאָר מיך נויטען, צו פאַרבלייבען דאָ מיט דיר?

שלמה:

אין פאַרלעגענהייט. ניין, כ האָב דיך געדאַרפט גוט באַהאַנדלען, דיך שאַנעווען. נישט ווי אַלע אַנדערע מיידען. כ׳האָב מיט אַלץ געדאַרפט שלאָגען כפּרות צוליב דיר — דאַמאָלס וואָלסטו געווען מיין, מיינע אַליין. שטילער. אַזוי האָב איך כ׳ פּרעטענזיעס צו מיר; ס׳טאָטשעט אין מיר, ווי אַ וואָרעם, ער עסט מיך לעבעדיגערהייט... כ׳קען מיר אַנ׳אָרט נישט געפינען...

שרה׳טשע:

לאַכענדיג. וואָס ס׳פעהלען דיר נקבות חוץ מיר? מיך האָסטו יעצט נאָך געדאַרפט ? אָבען, צום רימעל..?

שלמה:

האָט זי נישט געהערט. כ׳האָב מיך נישט געקענט אויף דיר. בײַ דיר האָב איך געקענט ווערען אַ לייט. טאָנירט. דו ביסט די ריכטיגע פרוי —

שרה׳טשע:

פאַרוואָס נאָר איך?

שלמה:

דאָס ווייס איך.

שרה׳טשע:

און די אַנדערע..?

שלמה:

דערשלאָגען. האָב איך דיך אַדורכגעלאָזט — בין איך שוין קאַפּוט. כ׳וועל שוין קיינמאָל נישט ווערען אַ מענטש. בלייבען

אזעלכער ווי כ׳בין — אַ פענטאַק... פאַלען האָס אַמאָל אַלץ נידעריגער, זינקען, ביז צום סוף... פּעסט. דאָס ווייס איך גאַנץ זיכער, אַז אַזוי וועט עס זיין.

שרה׳טשע:

שאַרף. האָסט חרטה דאַרויף?

שלמה:

מיט אַ ווײ-געשריי. אָ, ווען כ׳קען יעצט דיך צוריקקריגען —

שרה׳טשע:

טריומפירענדיג. שוין צו שפּעט.

שווייגען.

שלמה:

פ־וצלינג. קען איך אַמאָל קומען צו דיר? דיך זעהען, רעדען כאָטש מיט דיר..?

שרה׳טשע:

ניין.

שלמה:

פאַרוואָס נישט —

שרה׳טשע:

קאַלט. צווישען אונז ביידע איז אַלץ אויס. נאָך אַ ווײלע. צו וואָס זאָל איך אַריינלאָזען אַ שונא, צו מיר אין הויז? מיר אַליין פאַראומערען דאָס לעבען...

דער אינוואַליד קומט אַן.

זעקסטע סצענע.

די פריהעריגע — דער אינוואַליד.

דער אינוואַליד:

עלעגאַנט. כ׳בעט דיך איבער מיין טייערע, וואָס כ׳האָב מיך

אַ ביסעל פאַרשפּעטיגט, נאָר כ׳בין געווען געשעפטליך פאַרנומען. נאָך אַ ווײלע. וואַרטסט שוין לאַנג דאָ?

שרה׳טשע:

מיט אַ געלעכטער. ניין.

דער אינוואַליד:

ווי פריהער. ביסטו נישט בייז אויף מיר?

שרה׳טשע:

פאַרוואָס.

דער אינוואַליד:

דערזעהט שלמה׳ן, צוריקגעהאַלטען. אַ, דו ביסט אין געזעלשאַפט, שטער איך —

שרה׳טשע:

איך האָב נישט קיין סודות פאַר דיר. צוגעבענדיג. ס׳האָט זיך מיר פאַרבענקט, נאָך מיינע אַמאָליגע פריינט. כ׳האָב געוואָלט זיי זעהען, געוואָיר ווערען נייס — יעצט ווייס איך שוין אַלץ.

דער אינוואַליד:

שנעל. אפשר, קען מען אַהיימפאָרען?

שרה׳טשע:

יאָ. פלוצלינג. כ׳האָב מיך שטאַרק געווינדערט, פאַרוואָס מ׳זעהט דיך נאָך אַלץ נישט. וואו דו ביסט...

דער אינוואַליד:

כ׳דאַנק דיר.

שרה׳טשע:

ערענסט. דו דאַרפסט נאָר טראַכטען פון מיר.

דער אינוואַליד:

כאַפּט אונטער. ביסט דער זין פון מיין לעבען...

שרה׳טשע:

נאָך אַ ווײלע. דו האָסט מיך ליב?

דער אינוואַליד:

פאַרשעמט. בעמסט מיך שוין אויפ'ן פאַרהער.

שרה'טשע:

כ'מוז עס וויסען —

דער אינוואַליד:

ווי אונטער אַ היפּנאָז. יאָ, זייער שטאַרק. כ'וואָלט מיין לעבען איינגעשטעלט צוליב דיר, מיין האַרץ און נשמה געהער נאָר דיר...

שרה'טשע:

שטרענג. עי, דאָס זענען אַלץ, ווערטער. באַווייז עס.

דער אינוואַליד:

מיט אַ ציטעריגע שטים. ווייניג האָב איך געליטען, יאָרענ־לאַנג געגאַרט, דיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטען... ווען נישט אַ צופאַל — וואָס איך האָב דיך ווייטער דערזעהען — ווער ווייס, וואָס וואָלט איצטער שוין געווען מיט מיר... העכע־. וואָס ווילסטו? פאַרוואָס פּייניגסטו מיך שטענדיג — ביסטו נאָך אַלץ נישט זיכער, אין מיין גרויסער ליבע, צו דיר? שטילער. ס'לעבען איז מיר שוין נמאס. כ'ווייס נישט, וואָס טוט זיך מיט מיר... מיט אויסגעשטרעקטע הענט. וואָס ווילסטו?

שרה'טשע:

מיט ליכטיגע אויגען. כ'גלייב דיר. צולאַכט זיך. כ'האָב געשפּאַסט מיט דיר, קינדעלע. כאַ—כאַ—כאַ! וואָס האָסטו דיך אַזוי דער־שראָקען, בלייך געוואָרען — קענסט מיך נאָך אַלץ נישט? ווייסט נישט, אַז כ'ליב מיך צו שפּילען, אַמוזירען מיט דיר..? קאָקעטיש. אמת, אַז ס'איז אַזוי..?

דער אינוואַליד:

אַנגעברוגזט. אָבער, נישט אויף אַזאַ אופן.

שרה'טשע:

שטרענג. מאַך נישט אַזאַ זויערע מינע. וואָרום, כ'וועל מיך נאָך באַליידיגען —

דער אינוואַליד:

שמייכעריש. וואָס וועט זיין?

שרה'טשע:

קאַפּריזנע. נישט גוט. דו וועסט מיך מוזען איבערבעטען. טאָמער געלינגט עס דיר נישט, ווערסטו באַלד צוטראָגען, ביסט ווי משוגע.

דער אינוואַליד:

פאַרזיכטיג. ס'איז אַ ביסעל איבערטריבען.

שרה'טשע:

צופרידען. אויב דו פאַרשטייסט מיך — האָב איך דיך ליב.

דער אינוואַליד:

גליקצייטיג. און איך דיך. שליסט זי איין אין זיינע אָרעמס, קושט ליידענשאַפטליך, ס'דויערט אַ קורצע ווייל, ביידע זענען ווי צוזאַמענגעגאָסען.

פּ ױ י ז ע.

שרה'טשע:

ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף. דו וועסט מיך קיינמאָל נישט פאַראַטען.

דער אינוואַליד:

דערשראָקען. וואָס איז דיר איינגעפאַלען?

שרה'טשע:

ענטפער.

דער אינוואַליד:

ניין. מיט פייער. וואָס קענען מיך לאָקען אַנדערע פרויען? וואָס האָבען זיי פאַר מיר אַ ווערט, ווען איך האָב דיך?

ווער זענען זיי — זייער שיינקייט און רייץ — דאָס איז אַלץ פאַרגענגליך. אין עקסטאַז. דו ביסט פאַר מיר די שענסטע פרוי פון אַלע. דו ביסט מיין אַלץ. דיך האָב איך אויסגע׳חלומ׳ט — צו דיר געשטרעבט און דערגרייכט. דו ביסט אַנ׳אַנטפּלעקונג פאַר מיר — מיין גליק.

שרה׳טשע:

דערשלאָגען. און דו וועסט מיך נישט אַהעקוואַרפען —

דער אינוואַליד:

פעסט. דיין בין איך. דיין, אויף אייביג...

שרה׳טשע:

געדענק. טייהלאָניש. כ׳בין אַ שפין. קריג איך איינעם אין מיין נעץ אַריין, איז ער פאַרפאַלען. דאַמאָלס זעהט ער די גאַנצע אויסערליכע וועלט ווי דורך שפינוועבס, זי פאַרשווינט פאַר איס. העכער. דער וואָס באַרירט מיינע ליפען — ווערט אָנגע־טרונקען מיט גיפט; ער מוז נאָר צו מיר געהערען — אַזוי וויל איך! מיין יעדער ווינטש, מוז פון אים אויסגעפירט ווערען, און נישט איז ער איינגעשטעלט מיט׳ן לעבען... קראַמפּירענדיג. דו ביסט מיין. דו מוזט מיך ליבען. מיר געהערען צו זיך... אונזער בלוט איז אויסגעמישט — און מיר זענען פאַרבונדען אויף לעבען און טויט... געדענק, אויב ד׳וועסט דיך אַמאָל באַפרייען פון מיר — וועסטו פאַלען — פון מיין האַנט. נאָך אַ ווײַלע. קום!

דער אינוואַליד:

ווי אונטער אַ היפּנאָז, נעמט זי שטיל בעאָרעמט, ביידע הייבען אָן ארויס־גייען—אין מיטען ווערט בלייבט ער שטיין, קוקט מיט דערשראָקענע אויגען ארום זיך.

דער אינוואַליד:

אין שרעק. דו ווייסט — ציטערסט — וואָס איז דיר?

שרה׳טשע:

לייכט. ציי, גאָרנישט... כ׳האָב מיך אַ ביסעל אָנגעשטרענגט. ס׳וועט שנעל אַריבער. צו אים. האָסט דיך דערשראָקען, נאַרעלע? דאָס איז פון פרייד: טרערען וואָס רינען אַליין — אַזוי לאַכט ס׳האַרץ אין מיר... העכער. מיר ביידע זענען אָנגע׳שפּור׳ט, פון גליק! ווער ווייס, וואָס וועט נאָך זיין מיט מיר?

ביידע:

אָב.

זיבענטע סצענע.

שלמה — אַנאָרקאַ.

שלמה:

בלייבט שטיין שטאַרק צוטראָגען, נאָכקוקענדיג שטום די אָבגייענדיגע. ער לויפט צום עק־גאַס, שרייט אין דער ווייטקייט אַריין. אַנאָרקאַ.

אַנאָרקאַ:

אָנקומענדיג. דו האָסט מיך גערופען —

שלמה:

קאַלט. כ׳דאַרף דיך יעצט האָבען.

אַנאָרקאַ:

דערפרייט. כ׳האָב געוויסט, אַז דו וועסט צוריקקומען. ביסט דאָך אַ נאַש בראַט, אַז מ׳טוט אַנ׳עולה — איז וואָס? דאַרף מען זיך בלאָזען?

שלמה:

שלעפּט ארויס אַ טייסטער מיט געלט, וויל איר געבען, זי נעמט נישט, ער רופט אויס. נאַ דיר. גיט עס איר שנעל, זי לאָזט אים אראָב אויף דר׳ערד, ער האָט עס נישט באַמערקט. מיר זענען קוויט!

אַנאָרקאַ:

צולאכט זיך. כאַ—כאַ—כאַ! צו וואָס טויגען מיר אַזעלכע שמאַטעס? *זיי* פעהלען מיר נישט. קענסט זיי אַהינטראָגען דיינע אַנדערע כּלות — דאָס איז באַ זיי אַלץ. *ענדערט דעם טאָן.* דו ווילסט דערמיט דיך רייניוואַשען? כ'האָב דיר געגעבען, עפּעס מעהר —

שלמה:

פאַרווינדערט. נאָך מעהר?

אַנאָרקאַ:

יאָ. *מיט א ציטעריגע שטים.* כ'האָב דיר אַוועקגעגעבען—אַלץ... מיין לעבען... מיך אַליין...

שלמה:

ווער איז דיר שולדיג?

אַנאָרקאַ:

כ'ווייס נישט.

שלמה:

וואָס זאָל איך טוען?

אַנאָרקאַ:

דו ווילסט מיך נישט. *נאָך א ווײַלע.* אַמאָל, זענען געווען אַנדערע צייטען. דאַמאָלס האָסטו מיך ליב געהאַט און געקלעפּט באַ מיר; האָסט גאָרנישט געקענט לעבען אָהן מיר. אָבער, היינט... צו וואָס טויג איך דיר? ס'זענען דאָ אַנדערע, שענערע פון מיר — אויף זיי ביסטו אַ לאַזשיק. דאַרפסטו — מיך? צו וואָס? ווילסט נישט קוקען אויף מיר, אַנטלויפסט...

שלמה:

כ'בין אַוועק פון דיר, איבער עפּעס אַנדערש.

אַנאָרקאַ:

פאַרוואָס?

שלמה:

דו ווייסט עס בעסער. *ביטער.* דערמאָן דיך נאָר, וואָס ד'האָסט אַלץ אָבגעטוען—

אַנאָרקאַ:

קעציש. דו האָסט מיך געבראַכט דערצו. דו אַליין.

שלמה:

און פריהער?

אַנאָרקאַ:

מיט א געמאַכטען אָנשטעל. כ'געדענק גאָרנישט. ס'איז אַלץ גוט געווען.

שלמה:

אַזוי לאַנג ווי כ'בין געלעגען איינגעלייגט.

אַנאָרקאַ:

שאַרף. וואָס האָסטו געוואָלט זיין, אַ פרייער פויגעל?

שלמה:

כ'האָב מיך איינגעשטעלט, אָפּט ריזיקירט מיט'ן לעבען. צוליב וואָס? כ'האָב דאָך מיט דיר געטיילט מיין פאַרדינסט. *רייסט איבער.* נאָר, אַז ס'איז אַמאָל געשעהען... כ'בין געקומען צו דיר...

אַנאָרקאַ:

שפּאָטיש. דיינע געשעפטען. שטענדיג האָסטו גע'חלומ'ט פו
ריזיגע פּלענער און זיי זענען אויסגערינען איבער דער נאַכט. און אַז ד'האָסט אַמאָל געטראָפען אַ לעז, ווייס איך אויך נישט

וואו ס׳איז אהינגעקומען. כ׳האָב עס נישט איבערגעציילט. חוץ עטלעכע רעשטלעך, אַביסעל קליינגעלט. און דערפאַר...

שלמה:

אָבער —

אַנאָרקאַ:

וואָס?

שלמה:

מיט אמאָל. וויפיל מאָל האָב איך געהונגערט, גאַנצע טעג. ווען כ׳בין שפעטער געקומען צו דיר אַ דערשלאָגענער, ד׳זאָלסט מיר אַרויסהעלפען: האָסטו געשוויגען. אָדער, מיר צוגעוואָרפען אויף פוץ עטליכע פייגעל, וואָס האָבען קוים געקלעקט אויף אַ פאָר שעה... אַז כ׳בין באַנאַכט אַ היימגעקומען שלאָפען און אָנגעקלאַפט אין דער טיר, האָסטו זי נישט געעפענט. כ׳פלעג נעכטיגען אויף ביידימער, דעכער אָדער, אונטער אַ פייכטע וואַנט אויף דער גאַס... *ביטער.* דאָס ווילסטו נישט דערציילען. ס׳קען דיר נאָך שאַדען צום געשעפט. אָבער, איך געדענק עס. ס׳האָט מיר איינגעקריצט זיך אין זכרון: כ׳בין קראַנק געוואָרען דערפון — די ביינער רייסען און ס׳טוט מיר וויי אין אַלע גלידער... אַלץ, פון יענע צייטען...

אַנאָרקאַ:

שנעל. האָסט עס אַזוי פאַרדינט.

שלמה:

ווי פריהער. דאָס איז נאָך נישט אַלץ. די שטענדיגע קריגע-רייען און געשלעגערייען, וואָס דערבאַ פלעגען אָנלויפען אַלע שכנים פון הויז, פריוועו איינצושטעלען, צו מאַכען שלום צווישען

אונז. ווי לאַנג האָט ער אָנגעהאלטען? *א מאך מיט דער האנט.* דו ביסט אָפט אָנגעפאלען אויף מיר. ווען נישט איך, וואָס כ׳האָב מיך נישט געלאָזט — ווער ווייס, וואָס וואָלט שוין געווען מיט מיר? דער לעצטער סקאַנדאַל, ווען פאָליציי איז אַזש געקומען; מ׳האָט אונז אַלע אַרעסטירט. דאָס פייער איז פאַרלאָשען געוואָרען. *צוגעבענדיג.* שפעטער האָב איך מיך אַרומגעזעהען און געזאָגט. גענוג... זאָל זיין מיט מיר וואָס ס׳וויל — דיך מוז איך לויז ווערען. כ׳וויל נישט וויסען פון דיין געביין, דיך אָנקוקען.

אַנאָרקאַ:

ביטער. כ׳בין אַ נקבה — ווי קום איך צו אַ זעלכע זאַכען? דו ביסט דאָך אַ ריז אַ קעגען מיר — וואָלט איך מיך אונטער-געשטאַנען אויפצוהייבען אַ האַנט אויף דיר? ד׳וואָלסט דאָך מיך צוטראָגען אבּרימווייז, ס׳וואָלט געבליבען פון מיר אַ באַרג אַש.

שלמה:

דו באַשטייסט פאַר אַ פולק סאָלדאַטען — קענסט זיי אַלע אַנידערלייגען. *סארקאסטיש.* יאָ, איך האָב דאָס אַליין געמאַכט. כ׳בין אַרויס אַ צוקיילטער און צובייילטער אויף דער גאַס: מיט אונטערגעהאַקטע אויגען, שוואַרצע רייפען ווי די רעדער, און צוריסענע שמאַטעס. כ׳האָב געשפילט די ראָל פון אַ משוגענעם, אַלע האָבען אַזוי געקוקט אויף מיר: געלאַכט אין די פויסטען, געטייטעלט מיט די פינגער... יאָ, איך אַליין... כאַ—כאַ—כאַ! כ׳רעד דיר איין אַ קינד אין בויך. טאָר איך נישט? קענסט מיך שיקען רופען פאַר׳ן גרינעם טיש, וועל איך דאָרט באַלייגען מיינע ווערטער. דו ביסט דאָך אויסגעקאָכט אין יענע ערטער. שטענדיג זוכסטו נאָר אַ מחיה׳לע, צו האָבען עפעס צו טוען. אָט, האָסטו שוין אַרבעט... דו אויסגעלאָסען שטיק!

אַנאָרקאַ:

ביי. הייבסט שוין אָן? ס׳וועט באַלד קומען צו אַ סקאַנדאַל.

שלמה:

באַוויין עפּעס. כאַ—כאַ—כאַ! העכער. קוקט נאָר אָן דעם שטשור, וואָס שצירעט ד׳אויגען אויף מיר. נעם זיי אַוועק, וואָרום... מעהר ווי ס׳טרפה׳נע פּיסק האָסטו נישט. דאָס רעדט זיך איין — גייט מיט מיר פירען מלחמה. צוגעבענדיג. מיך וואָס קיינער האָט נישט געקענט בענדיגען, וויל זי האַלטען אין די לאַפּעס. כ׳זאָל זיין איר מענטש, ליגען אונטער אירע פּאַנטאָפעל... נישטאָ ווער ס׳זאָל מיטלאַכען. לאכט ציניש, שפּרייזט וואַילעריש הין און צוריק, זי שטעלט אים אָב, ער קוקט פאַרווינדערט אויף איר.

אַנאָרקאַ:

ביטרע. צו וואָס דאַרפסטו טראָגען אַ ביין האַרץ, אויף מיר? לאָ׳מיר איבערבעטען זיך און ס׳וועט שוין אַלץ גוט זיין.

שלמה:

ניין.

אַנאָרקאַ:

שוואך. פאַרוואָס?

שלמה:

כ׳וויל נישט.

אַנאָרקאַ:

האָב רחמנות —

שלמה:

שווייגט.

אַנאָרקאַ:

געבראָכען. ווילסט דיך נוקם זיין, אין מיר?

שלמה:

דיין רויט בלוט וויל איך זעהען.

פּויזע.

אַנאָרקאַ:

מיט אַ וויי־געשריי. כ׳וועל טרינקען דעם ברוד פון דיינע פיס, אַבי לאָ׳מיך זיין נעבען דיר; וואָ׳ין מיט מיר — קוק דיך אום אויף מיר...

שלמה:

האַרט. ווער ביסטו?

אַנאָרקאַ:

היסטעריש. כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל דיך קענען פאַרגעסען. אָבער, מיך ציהט צו דיר... אַלץ אין מיר בענקט און לעכצט נאָך דיר... קראַמפּירענדיג. דו מוזט געהערען צו מיר. דו ביסט מיינער. פוליעט זיך צו אים ליידענשאַפטליך, ער שטופּט זי אָב גראָב פון זיך.

שלמה:

ציניש. דיינע ווערטער זענען, ווי דאָס בילען פון הינט.

אַנאָרקאַ:

העפטיגער. דיך וויל איך — נאָר דיך אַליין — — כ׳האָב דיך ליב — — רופט אויס. אונז ביידע וועט שוין קיינער נישט שיידען.

שלמה:

שאַרף. הער מיך אויף צו מוטשען.

אַנאָרקאַ:

צובראָכען. קוק ווי איך זעה אויס: כ׳בין איינגעדאַרט, מיין לייב איז פאַרצערט; כ׳ווער אויסגעטריקענט פאַר דער צייט. דו קענסט

שטילען מיינע אַלע פאַרלאַנגען, און מיך צופרידענשטעלען. העכער. אָהן דיר קען איך נישט לעבען... מוז איך אויסגייען... כ׳בין אַ שאָטען...

שלמה:

גערירט. כ׳קען דיר נישט העלפען.

אַנאָרקאַ:

מיט בלאַנדזשענדיגע אויגען. פאַרוואָס?

שלמה:

ווי אַ סוד. ווייל, כ׳בין נישט מיינער: יעצט בין איך דאָ, אָבער שפּעטער אין אַ מינוט אַרום — וואָס קען זיין..?

אַנאָרקאַ:

אין שרעק. וואָס הייסט —

שלמה:

אונזער איינער אַ חברה־מאַן טאָר נישט טראַכטען, וועגען זיך אַליין. שטילער. אויף אונז לויערט מען, די שרעק איז גרויס, דער מלאך המות מיט זיינע טויזענט אויגען היט גיריג אָב אונזער נשמה: מיר מוזען שטענדיג זיין וואַך, פריי...

אַנאָרקאַ:

שלאָגט אים איבער. וויל איך דיר צונעמען, די פריי?

שלמה:

יאָ. העכער. כ׳מוז זיין פריי — כ׳טאָר צו קיינעם נישט געהערען — אַז נישט בין איך ווי אַ געבונדענער פויגעל, וואָס קען נישט אוועקפליהען. ווער בין איך און וואָס איז מיין? וואו קען איך הויזען..? מיט אַ ברייטען זשעסט. אויף אַלע ריזיקאַלישסטע וועגען און שטעגען רוה איך, אין אַלע געפער־ליכסטע ערטער באַוויין איך מיך, ווי אַ מחבל שוועב איך אַרום:

די גאַנצע וועלט איז מיין היים, יעדעס לאַך מיין דירה, יעדער דאַך און פלויט אַנ׳אָרט פון וואַנען כ׳קען אַנטרונען ווערען, כדי צו בלייבען ווייטער לעבען — זיין פריי... רופט אויס. וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט דאָרט בין איך, וואו דער ווינט בלאָזט דאָרט קען מיך דיין רוף דערגרייכען — ווילסטו מיך אמאָל דאָרט טרעפען פאַרבלייב איך מיט דיר... בין איך דיינער...

אנטלויפט.

אַנאָרקאַ:

איילענדיג. וועל איך דאָרט זיין, מיט דיר. וויל אים נאָכלויפען.

שלמה:

קומט נאָכאמאָל צוריק. דערווייל מוזט דו נאָך דאָ פאַרבלייבען. אַז כ׳וועל ברויכען, וועל איך דיך אַ רוף געבען. פאַרשווינדט.

אַנאָרקאַ:

זינקט שוואַך. וואָס וועט זיין, מיט מיר? פאַרוואָס לאָזסט דו מיך איבער, דאָ אַליין..? שטייט קיים אויף די פיס, וואַקעלט זיך כסדר אומצופאַלען, צולעצט לעהנט זי אָן דעם קאָפּ אין די מויער, בלייבט אין אַ פאַר־שטיינערטע פּאָזע אַ לענגערע צייט. קורצע פּויזע. אַלעק קומט אָן, אַנאַרקאַ ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף, קוקט דערשראָקען אויף אים.

אכטע סצענע.

אַנאָרקאַ — אָלעק.

אָלעק:

אַנקומענדיג. ער האָט דיך אַדורכגעלאָזט. כאַ—כאַ—כאַ! ס׳איז שוין גענוג... צו וואָס טויגסטו אים יעצט? ס׳פעהלען אַנדערע שענערע, ווי דו..? לאַכענדיג. דו ביסט געווען אַ שפּילעכעל,

באַ אים אין די הענט. זיגעריש. יעצט האָסטו דיין סוף. כאַ—כאַ—כאַ. לאַכט ציניש.

אַנאָרקאַ:

שוואַך. האָסט מיך אַמאָל ליב געהאַט —

אָלעק:

ביסט דאָך גרויס געווען באַ דיר, געוואָרפען מיט מיר.

אַנאָרקאַ:

מיט גערעט. נעם דו מיך —

אָלעק:

כ'האַס דיך.

אַנאָרקאַ:

מיט בלאָנדזשענדיגע אויגען. פאַרוואָס?

אָלעק:

אויפגערעגט. אַוועק פון מיר. דו ביסט אַ שלאַנג. פלוצלינג. ער קען נאָך אונטערקומען און מיך דאָ פאַקען. בין איך גע-האַנדעלט. ער לאַווירט שוין אויף מיר פון גאַנץ לאַנג. צו וואָס, שפּילען מיט פייער? כ'וועל בעסער אָבציהען, ר'זאָל מיך נישט דער'קנס'ן... כ'ווער אַ האָז. וויל גייען.

אַנאָרקאַ:

פאַרהאַלט אים. ער קען נאָך חרטה האָבען און צוריקקומען צו מיר, מיך איבערבעטען —

אָלעק:

פלעגמאַטיש. ס'טרעפט אַמאָל אַז שפּעטער דערזעהט ער ערשט, דעם פעהלער וואָס ר'איז באַגאַנגען. אָבער, זייער זעלטען. צוגעבענדיג. אויב ער וועט דאָ אָנקומען, זאָלסטו פאַלען צו זיינע פיס, קושען און הייס בעטען אים, ר'זאָל דיר פאַרגעבען...

אַנאָרקאַ:

שאַרף. ניין.

אָלעק:

אַזוי גאָר?

אַנאָרקאַ:

אַקצענטירט. ער עקזיסטירט שוין נישט פאַר מיר.

אָלעק:

לאַכט ציניש.

אַנאָרקאַ:

מיט אַ ווייגעשריי. העלף מיר. כ'האָב דאָך קיינעם נישט אויסער דיך: דו ביסט שטענדיג געווען מיין איינציגער פריינט אין לעבען... זיי יעצט מיין באַשיצער. פאַרבלייב מיט מיר— —

אָלעק:

אַוועק. הייבט אויף די האַנט אויף איר.

אַנאָרקאַ:

מורמעלט. אַלע זענען מיינע שונאים, ווילען זעהען מיין סוף. פאַלט שוואַך אַנידער אויף די טרעפּען, ליגט אַזוי דאָרט אַ לענגערע צייט, אָלעק גייט האַסטיג צו איר, גיט עפּעס שנעל, וויל אַנטלויפען.

אַנאָרקאַ:

שעפּטשעט. וואָס איז דאָס?

אָלעק:

פון דערווייטען. ס'וועט דיר צונוץ קומען. פאַרשווינט.

אַנאָרקאַ:

פאַקט עס אויף מיט ציטעריגע הענט, דערזעהט עס, פאַלט מיט אַנ'אויס-געשריי צו דער וואַנט. אַ—אַ!

שלמה:

קומט אַן.

ניינטע סצענע.

שלמה — אנאָרקא.

שלמה:

טיייוולאָניש. ער איז גערעכט. ווען האָסטו אויף דער גרויסער וועלט. ווער אינטערעסירט זיך, מיט דיין גורל? ווער וויל וויסען פון דיר..? נאָך א ווײַלע. צו וואָס, דיך מאַטערען... פאַר ווען...

אנאָרקא:

ווי אונטער א היפנאָז. אלץ צוליב דיר—כ'האָב דיך ליב— —

שלמה:

שפּאָטיש. דו ליידסט איבער מיר. כ'האָב דיך געברענגט דערצו. לאַכט ציניש.

אנאָרקא:

פעסט. יאָ, דו.

שלמה:

ווי פריהער. כ'בין דאָך פאַר דיר שוין געשטאָרבען —

אנאָרקא:

אָבער...

שלמה:

ביטרע. באַפריי דיך דערפון.

אנאָרקא:

האָט נישט פארשטאַנען. וואָס הייסט?

שלמה·

שארף. מאַך דיר א טויט —

אנאָרקא:

היסטעריש. כ'האָב דאָך געלעבט נאָר פאַר דיר... דו ביסט מיין לעבען געווען...

שלמה:

דעמאָניש. שטאַרב, וועסטו באַווייזען ווי גרויס דיין ליבע איז געווען צו מיר; ווי ד'האָסט מיך שטאַרק ליב געהאַט, אַז דו ביסט געפאַלען אַ קרבן. העכער. יאָ, מיט דיין בלוט וועסטו אויסקויפען פון מיר דיין נשמה, ריינוואַשען דיינע אַמאָליגע זינד. צוגעבענדיג. ד'האָסט נישט אויף וואָס צו האָפען. וואָס קענסטו נאָך דערוואַרטען פון דיין לעבען? ביסט אַ געפאַלענע, זינקסט וואָס אַמאָל אַלץ טיפער, צו וואָס דאָס מאַטערען — פיהרסט אַ מלחמה מיט'ן ווינט — ביסט פאַרלוירען... גלייכער פריהער מאַכען אַ סוף מיט זיך, איידער אַזאַ לעבען פול חרפות און בושות, האָסט גאָרנישט צו פאַרשפעטיגען... וועסט ווייניגער ליידען, זויתגעפרעסען ווערען פון לעבען... שטאַרב!

אנאָרקא:

מיט אמאָל. גוט. כ'באַשטיי. פארצווייפעלט. כ'צין שוין שוואַך... כ'ווייס נישט, וואָס טוט מען? וואָס טוט מען..?

שלמה:

וועל איך דיך לערנען. נעמט דעם רעוואָלווער. אָט אזוי, איינס, צוויי, דריי—און פאַרטיג. ווייזט איר ווי אזוי מ'צילט אין זיך.

אנאָרקא:

קוקט אויף אים מיט מאַטע אויגען, איז פול מיט שרעק, זי ציטערט אלע ווײַלע — ווי זי וואָלט פארגעסען אין אלץ, שטייט זי פארזינקען אין געדאַנקען. פלוצלינג ווערט איר פנים אויסגעלייטערט, די אויגען ברענען מיט א גרין פייערל, זיי זעהען אויס עפּעס געהיימניספול, ווי זי וואָלט באַהאַלטען א גרויסען סוד.

פ ו י ז ע.

שלמה:

דערלאַנגט איר דעם רעוואָלווער. נאַ דיר.

אנאַרקאַ:

מיט צופרידענקייט. גוט

שלמה:

פאַרזיכטיג. ווייסט שוין?

אנאַרקאַ:

יאָ.

שלמה:

לאַכט ציניש.

אנאַרקאַ:

נאָך אַ ווײַלע. שטיי. כ׳שיס. צילט אין אים שנעל, שיסט אויס — ווען זי דערזעהט דאָס פייער פון דער קויל, בלײַבט זי צומישט אַ לענגערע צייט, שלמה איז געבליבען שטייען רוהיג, אויף זיין פריהעריג אָרט, נישט ענדערענדיג זיין פּאָזיע — ער לאַכט נאָר ציניש און הויך אויפ׳ן קול.

שלמה:

סאַרקאַסטיש. כ׳בין אַ געניטער. ס׳טרעפט מיך נישט קיין קויל — כ׳זעה באַלד ווער ס׳צילט אין מיר. מ׳כאַפּט מיך נישט אַזוי לייכט לעבעדיגערהייט, אויסער באַ אויסערגעוויינליכע פאַלען; אָבער, זייער זעלטען... העכער. ווי דער ווינט בלאָזט דאָרט בין איך, אויף אַלע שטעגען און וועגען רוה איך, צווישען גרעסטען מענטשען־געווירבעל וואַקס איך אויס, און קיינער זעהט מיך נישט... אין עק־וועלט געפינסטו מיך. כ׳שוועב, כ׳פליה — דער רוח אַליין בין איך... שאַ, אָט האָט געגעבען אַ שאָרך, און כ׳בין שוין נישטאָ... כאַ—כאַ—כאַ! אַנטלויפט.

אנאַרקאַ:

יאָמערליך. וואָס זאָל איך יעצט טוען?

שלמה:

פון יענער זייט. דו מוזט דיך מאַטערען אין יסורים, אָדער— אונטערגייען. פאַרשווינדט.

אנאַרקאַ:

שטייט קוים אויף די פיס. ניין, כ׳בין שוין שוואַך... כ׳פיהל ווי די לעצטע כוחות פאַרלאָזען מיך... פאַלט.

פּויזע.

אונטער די בינע ווערט אַ באַוועגונג, אַ גערודער, און אַ ווײַלע אַרום לויפען פון אַלע זייטען פאַרשידענע נקבות צושראָקענע, מיט בלייכע פנים׳ער, זיי איילען שטיל ווי די שאָטענס, און דער גרעסטער צורודערקייט — פאַרשווינדען.

צענטע סצענע.

קולות — אנאַרקאַ — עמיצער שפּעטער
נקבות און שלמה צולעצט פּאָליציי.

קולות:

פון אַלע זייטען. דער טויט גייט —

אנאַרקאַ:

ווי אויסגעלייזט. וואו איז ער..?

עמיצער:

אָנקומענדיג. אָט, דאָ בין איך, נעבען דיר. גייט נאָהענט צו איר, וויל זי אַרומנעמען.

אנאַרקאַ:

אין שרעק. וואָס ווילסטו?

עמיצער:

מיט אַ געדעמפּטער שטים. דיך וויל איך. — צוגעבענדיג. ווער ס׳רופט נאָר מיך, צו דעם קום איך באַלד. לאַכט שיטער.

אַנאָרקאַ:

פאַרווינדערט. פאַרוואָס אָבער האָסטו מיך אויסגעקליבען?

עמיצער:

שטיל. ווי דו ווילסט. מיר איז נישט קיין אונטערשיד. ווער און וואו — כ'וויל נאָר שטילען מיין באַגעהער... כ'מוז איבערקומען מיין צייט... *וויל גייען.*

אַנאָרקאַ:

שנעל. בלייב.

עמיצער:

הייזעריג. מוזטו פאַרבלייבען מיט מיר, אַ קורצע ווייל, כ'מאַך עס שנעל. *צו איר.* באַשטייסט דו?

אַנאָרקאַ:

צופרידען. יאָ. כ'האָב שוין סיי ווי אַלץ פאַרשפילט אין לעבען... כ'קען גאָרנישט אָנווערען.

עמיצער:

תאווה'דיג. גוט. כ'האָב ליב אַזעלכע נקבות. וואָס געבען אַליין זיך איבער.

אַנאָרקאַ:

ניַיגעריג. האָסט הנאָה דערפון —

עמיצער:

ניין. *צוגעבענדיג.* כ'האָב נאָר אַמאָליגע זכרונות וועגען זיי, ווערט טיילמאָל דערוועקט אין מיר דער חשק פרויען צו זעהען און גאַנץ לייכט פאַרשפּילען מיין געמיט צווישען זיי... נישט-מעהר... דאָס איז אַלץ...

אַנאָרקאַ:

קעציש. און דו צאָהלסט גוט?

עמיצער:

דעם טייערסטען פּרייז, כדי יעדע צו לאָקען, זי זאָל וועלען פאַרברענגען מיט מיר. *צוגעבענדיג.* אָט דאָס איז מיר נאָר געבליבען, אויף די וועלט, פון מיין גאַנצער אַרבעט. *לאַכט שיטער.*

אַנאָרקאַ:

מיט אמאָל. כ'וויל זעהען וויפיל דו פאַרמאָגסט, כדי צו וויסען, צי ס'לוינט אַוועקגעבען דערפאַר מיין לעבען —

עמיצער:

מיט גרויסקייט. דאָס קען איך דיר צוליב טוען. *נעמט ארויס פולע הויפענס מיט געלט, זי בלייבט שטייען ווי פארבליפט, קוקט דארויף מיט גיריגע אויגען.*

עמיצער:

נאַ דיר. *גיט איר א קופּע.*

אַנאָרקאַ:

מיט א ווילדער הנאָה. שיט וואָס מעהר. אַלץ געב אַהער. מוזט זייער טייער באַצאָהלען פאַר מיין לעבען, וואָס כ'פאַר-קויף דיר... אַלץ וויל איך פון דיר... אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט... דיין נשמה וויל איך...

עמיצער:

שיט פולע הויפענס מיט געלט-שטיקער, זי פארשטעקט עס פיבערהאפּט, באהאלט בליק-נעל, ס'געדויערט א קורצע ווייל—ביידע זענען צופרידען—צולעצט רופט ער אוים. האַלט.

אַנאָרקאַ:

מיט שטראַלענדיגע אויגען. ביסט נאָך אַ לייט —

עמיצער:

כיכיקעט. דאָס איז אַ מאַסקע, כדי צו כאַפּען נשמות אין מיין נעץ אַריין.

פּ ו י ז ע.

עמיצער:

קום. נעמט זי בעאָרעמט, ווילל גייען מיט איר.

אנאָרקאַ:

שטעלט אים אָב. ביסט דאָך אייז־קאַלט!

עמיצער:

דאָס איז מיין מאַכט. צוגעבענדיג. דער וואָס רוהט אין מיינע אָרעמעס, פאַרגעסט שוין אין אַלע זאָרגען; ווערט פריי פון יסורים און מאַטערנישען — וואָס ר׳האָט געהאַט אויסצושטייען באַ׳ם לעבען — ער שלאָפט רוהיג...

אנאָרקאַ:

מיט די לעצטע כוחות. כ׳וויל אַוועק פון לעבען. כ׳האָב שוין נישטמעהר קיין כוחות צו ליידען. כ׳בין אויסגעשעפּט. מיט יאוש. אַלץ האָב איך פאַרלוירען... אַלץ... כ׳וויל שטאַרבען... וואָס שנעלער... צו אים. געב מיר דעם טויט!

עמיצער:

כ׳וועל דיך אויסלייזען. פירט זי שנעל אָב, ביידע פארשווינדען.

פויזע.

אנאָרקאַ:

לויפט ארויס ווי משוגע, מיט צושויבערטע האָר און ווילדע אויגען קוקט זי ארום זיך, שרייט יאָמערליך. ער האָט מיך אָנגעשטעקט... כ׳בין פאַר־לוירען... אַ—אַ! צוליב וואָס האָב איך עס געטוען? ווער האָט מיך אָנגערעדט דערצו..? ווילד. כ׳בין פול מיט גיפט... ער האָט מיך פאַר׳סמ׳ט... ס׳שטיקט מיך... כ׳וועל עס שוין נישט איבערהאַלטען... אַ—אַ! פאַלט אַ טויטע.

פון אַלע זייטען לויפען אָן נקבות, זיי רינגלען זי שטום ארום, טייל מורמ־לען עפּעס איבער איר, שושקען אין דער שטיל.

שלמה:

אָנקומענדיג, דערזעהט זי ליגען אויף דר׳ערד, פאַלט ער צו נאָהענט צו איר און רעדט דערשלאָגען, דערבּאַ שאַרף אַקצענטירענדיג. זי איז אויסגע־גאַנגען. ז׳האָט שטיל געלעבט, ווי אַ שאָטען, און געפאַלען. דערשטיקט פון לעבען, אויסגעפרעסען איז זי געוואָרען — פון דער בעסטיע. צוגעבענדיג. מיר ווערען אַלע אויסגעראָט... ווי די שטשורעס... פאַרטיליגט... מיט פאַרשידענע מיטלען... ס׳זאָל אַפילו נישט בלייבען אַ זכר נאָך אונז... ווער וויל עס וויסען? וועמען אינטערעסירט אונזער גורל? כאַ—כאַ—כאַ! געפאַלענע מענטשען מוזען זינקען וואָס אַמאָל אַלץ טיפער און אונטערגייען... כאַ—כאַ—כאַ!

מ׳הערט אַ קריי פון אַ האָן.

שלמה:

שפּרינגט אויף. דער טאָג קומט! חברה, אַנטלויפט!

אַלע:

פארשווינדען.

ס׳קומען אָן עטליכע פּאָליציי־לייט, איינער האָט באַמערקט ליגען דעם טויטען קערפּער און ער בלייבט שטייען פארווינדערט, טייל ציהען ארויס לעמפּלעך און באַלייכטען דאָס אָרט מיט אַ גרינעם שיין.

פּאָליציאַנט:

צו זיי, באַפעלעריש. צונעמען.

ס׳געשיהט.

פוירהאַנג.

בלאט לשון:

כאָנע, שאַכטע, לעדער־
פערד, לאַרוויסקע, באָס — נקבה.
טשיזי — דער מענטש.
טשערמעק — קלאַפּ.
טאָקען — געבען.
פּוצט — חוזק'ט.
שטומפּ — פרייער.
לאַבראָוואַנץ — טויגנישט.
באַש, קעש, קלימפּערס — געלט.
כילי — גיי.
שב'ען — זיצען.
סאַנזשיר — ציה.
פאַרליאַפּעט — פאַרליבט.
לויז געגאַנגען — אַרויס אויף דער פריי
אויסגעסטראָצעלט — אויסגעפּוצט.
אויסגע'שחור'ט,
פאַרשיט, אַ שליקערץ — אויסגעגעבען.
איינגעקוועטשט — איינגעזועצט.
פינקלען — רייכערען.
מאַרוויכער — גנב.
אַ האָז — פּליטה.
סליחה'נען — מסר'ען.
דערשנאַפּט — דערשמעקט.

אַדורכגעלאָזט — פאַרשפּילט.
אַנ׳עולה — שלעכטס.
צושרויפט — צוטראָגען.
שנעלען אין האַלז אַריין, שש׳ען — טרינקען.
דאָס מחיה׳לע — שמחה.
שמאָנדאַק — יאָלד.
די זריקה — אָפּשניט.
טיצען — נאַרען.
אין קיטש, יושב בסתר — תּפיסה.
בענדיגען — בייקומען.
די טאָוועל — טייסטער.
צוגעגראַפּט — צוגע׳גנב׳ט.
אַ לאָך — אַגענט.
אָבהיימען — הרג׳ענען.
אויף צונג — סימנים־געבער.
סכאָקער — שפּילער.
הערשען — כאַפּען.
לויף־פּאַס — מ׳וואַרפט אים אַרויס
נעסקים — שווייג.
בייזעל, מלינה — הייזעל.
אָבציהען — אַנטלויפען.
פּענט — שנאָרען.
אויפ׳ן זיכער — אויפ׳ס כּח.
די מערכה — גליק.
באַזשאַמט — שכּור.

בלאָזען — גרויס־האַלטען.
כּתיבה — שוואַרץ־ביכעל.
לאַזשיק — קריכער.
לאַווירט — שפּיאָנירט.
דער׳קנס׳ען — פּאַקען.
אונטערקיפּען — אונטערהאַקען.
לאַביי — שפּיטאָל פאַר ווענע־רישע קראַנקע.

פאַרדינען — נעמען.
געגאַנגען — איינגעגעבען.
געהאַנדעלט — פאַרטיג.
גוט געמאַכט — אויסגעפּועלט.
געזעהען זיך צוקאָפּענס — געטויגט פאַר זיך.
געשיקט לופּטערען — אַוועקגעוואָרפען.
געוואָרפען אַנ׳אויג — געפעלסט מיר.
כּח־געשעפט — גראַנדע.
גראָב — אַ סך.
בעסטע — שענסטע.
בעלע — ביאַלאָ.
דערדע מיט׳ן טאָפּער — 4
זיץ און ווערזע — 6
פייפסטו אָן אַ וואַלץ — לאַכסטו דיך אויס פון אַלע.

צייכענונג
פון קונסטמאָלער
יצחק ברוינער, ווארשע.
געזעצט: מ. ליבעסקינד, לאָדזש
פּאָלנאָצנע 23. געדרוקט: י. דיאַמאַנט
לאָדזש קילינסקי 50. געדרוקט
אין 1000 עקז. און 300
עקז. אין פּראַכט
אויסגאַבע